STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00853

NAYE SHRIFTEN FUN YEHOASH IN TSVEY BENDER

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible
by Freyda Sanders
in memory of
Anne & Samuel Silverman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהואש
נייע שריפטען

צווייטער באנד

פארלאג „אויפגאנג"
ניו-יארק

NEW COLLECTION
OF
POEMS AND PROSE

BY

YEHOASH

SECOND VOLUME

50 Eldridge Street
NEW YORK

Copyright, 1910, by S. Bloomgarden

MADE IN U. S. A.

אינהאַלט-פערצייכניס.

צווייטער באַנד:

לעבען און גלויבען.

פּראָלאָג 5
דער גבול 7
פון ליפּ צו ליפּ 8
שוין ווידער ניחא 10
שכל במקום גאָט 11
פערלאָרענע אמונות 13
גאָט - זוכענים 15
אַ לעבענס - שפּיעל 17
וויל און מוז 19
און איך אַליין 21
דאָס מעכטיגסטע 23
ביים טויער פון לעבען 25
די נייע געטער 31
שיקזאַל 33

געשטאַלטען און שאָטענס.

קינסטלער־וועהען 37
אַ דועל 41
צדקה 45
אַ וידוי אָפט געהערט.................. 47
נאַכט־מחשבות 51
דער געוועזענער נביא.................... 54
טוים 1. 2. 3. 4. 5....................... 59
די ווייסע פעסט......................... 65
דער טהורעם־מאַן........................ 67
די מצורעים 69

צייט־ליעדער.

פיהרערשאַפט 81
פון אַ רעוואָלוציאָנער'ס ספור................ 83
געטרויסטער זיעג........................ 88
דור ומנהיגו 90
אַן אַלבום־פּאַלק........................ 92
ציון־ליעבע 95
די האאַגער קירכענגלאָקען.................. 97
פון אַ בריעף........................ 99
מיין ניט בעצאָהלטער חוב.................. 101

אַ ליכטעל דאָ, אַ ליכטעל דאָרט........ 103
שבט ראובן און שבט גד........ 105
אַ מאָטטאָ........ 109
און איצמער? 110

פערשיעדענע ליעדער.

פון אָמאַר כאַיאַם........ 117
סאקיא מוני 126
זאַטע פילאַנטראָפיע 130
יאָהרען געהען 132
שטענדיג אין חדר........ 134
דער האָהן און די פלעדערמויז........ 135
וואו גלויבען העלפט ניט........ 138

אין לאַב־שפּיעגעל.

דער עולם........ 141
אַ דור הפלגה........ 142
חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!........ 145
וחלקלקות און זמזומים........ 151
דער שקל־איד 154
אַ הימלישער איינפאַל........ 156
פון מעפיסטאָפעל'ס ליעדער־בוך........ 160
אייזעליזם 162
דער באָק און דער פערד........ 164

פּראָזאַ.

ווי האָט ער עס געמיינט? 169
אַלי האַסאַן.......... 171
ווי מע קוקט.......... 180
צוריק אין טהאָל.......... 182
דער עפּעל־בוים.......... 188
משה רבינו'ס טויט.......... 193
דער דיכטער — דער זעהער.......... 211
אונזערע פּראָפעסאָרען.......... 215
דער פיעדעל־שפּיעלער אָהן הענד.......... 220

צווייטער באנד:

ליעדער און פּראָזא

פון

יהואש

לעבען און גלויבען

פראָלאָג

ס׳לעבען באַשטעהט נאָר פון ליעבע און גלויבען ;
דער וועלכער האָט זיין אמונה.
אָדער זיין ליעבע באַגראָבען —
געהט אויף דער וועלט ווי אַ בר־מנן אום נאָר...

ס׳אַרבייטען פלייסיג די חושים ווי תמיד,
טהעטיג זיך ריהרען די גליעדער —
טויט אָבער איז די נשמה,
און די ספּרוזשינעס פון האַרצען — געבראָכען...

ס׳מינטערט נאָך אפשר דער כח הדמיון,
ס׳קיצעלט פּילייכט דער זכרון ;
פון די פאַרלאָשענע קויהלען
פלאַקערען פונקען אַרויס אויף אַ רגע —

ס׳איז אָבער נאָר ווי די גוסס־באַוועגונג,
פון אַ צובראָכענעם זייגער,
וועלכער פון טרייסלען צוריהרט זיך —
דרעהט זיך אַ ווײַלע און שטעלט זיך אָפּ ווידער...

דער גבול

מעגסט טויזענד לאַנגע טעג און נעכט
זיך גראָבען און זיך גריבלען אין דיין זינען,
די האַנד וואָס טרייבט דיך ווי אַ בלינדען קנעכט —
זי ווערסטו מיט דיין פאָרשען ניט געפינען.

שווים דורך פון עק צו עק דעם ענגען טייך,
קען יעדע וועל, קען יעדען זאַמד און שטיינדעל,
ווער מלך אין דיין מילבען־קעניגרייך,
און פון דיין חכמה שמיד זיך אויס אַ קריינדעל —

דאָך רונד אַרום דיר איז אַ פעלזען־ברעג
און קיינמאָל וועט דיין פוס דיך דאָרט ניט ברינגען,
דאָרט רוישט דער וואַלד וואו ס'איז ניטאָ קיין שטעג,
וואו קיינמאָל וועט דיין קליינע אויג ניט דרינגען...

1909

פון ליפּ צו ליפּ

זופּ אוים דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק,
אונ גיך גיב דעם כוס צו אַ'ן אַנדערן ;
פון ליפּ צו ליפּ און פון מויל צו מויל,
זאָל אייביג דאָס וויין־געפעס וואַנדערן...

צי האָט עס דיר גיפט אין דיין הערצען געלאָזט,
און דו ביזט אין פּיין פון דער גסיסה ?
צי האָט עס אַ דורשט אין דיין גומען צוברענט,
און דו שמאַכטסט נאָך די טראַנקען די זיסע ?

עס פרעגט דיך ניט מעהר און עס קימערט זיך ניט —
דו האָסט שוין דיין חלק געקריגען,
דאַן וויין אָדער לאַך, דאַן בענש אָדער פלוך
דעם נעכטיגען טאָג'ס פאַרגעניגען...

דרום זופּ פון דיין בעכער און ענדיג דעם טראַנק,
אוּן גיך גיב דעם כּוס צו אַ'ן אַנדערן,
פון מויל צו מויל און פון ליפּ צו ליפּ,
זאָל אייביג דאָס ווייִן־געפעס וואַנדערן...

1909

שוין ווידער ניחא

אלץ איז ניחא מיר געוועזען,
אין די יאָהרען פון דער יוגענד,
מיט דעם תרוץ פון אמונה,
האָט מיין מוח זיך באַגנוגענט...

איצט איז ווידער אַלץ מיר ניחא,
כ׳גלויב ניט מעהר און פרעג ניט שאלות,
כ׳זוך ניט מעהר אין לעבען פעהלערם,
און ערוואַרט ניט מעהר קיין מעלות...

1904

שכל במקום גאָט

נאַר זיך און נאַר די גאַנצע וועלט;
מיט דיין איראָניע־שמייכעל,
באַריהם זיך אַז דו דאַרפסט ניט גאָט —
דיר קלעקט דיין בלויזער שכל...

דאָך זאָג מיר פריינד, ווען ס׳קומט די נאַכט,
און דו ביזט דאַן ביחידות,
און שטיל און פינסטער איז אַרום,
און ס׳הערץ דיינס קראַנק און מיעד איז —

ווען ס׳שטעלט די מרה־שחורה זיך
אַוועק ביי דיר צוקאָפּענס,
און ס׳פּערלען קאַלט אויף דיין געזיכט,
פון יאוש־שוויים די טראָפּענס —

װען ס׳גלאָצט מיט פּוסטע אויג ־ לעכער,
דער טויט פון אַלע עקען,
און ס׳בלאָנדזשעט דיין נשמה דורך,
אַ מדבר פול מיט שרעקען —

זאָג, פריינד, צי קומט דיין קלאָרער זינן,
אַ טרייסט דיר דאַן צו שאַפען ?
צו העלפט דיר דאַן דיין במקום־גאָט
װאָס דו זיך האָסט באַשאַפען ?...

צי ליגט ניט ד אַ מ אָ ל ס װי אַ טרוס,
זיך קאָרצענדיג אין דרייען,
דיין ש כ ל ־ ג ב ו ר, װאָס ביי טאָג
שטאָלצירט מיט זיין כלי־זיין ?...

1905

פערלאָרענע אמונות

אוואו איז דער ברונען פון יוגענד,
וואָס פלעגט זיך נים אויסשעפּען טרוקען ?—
וועז, קוים פלעגט איין אָפּגאָט פאַרשווינדען,
שוין פלעג איך צום צווייטען זיך בוקען ?

באַלד פלעג איך צו נאַכט־אויגען גליהען,
באַלד קניען צו אויגען־סאַפּירען,
באַלד פלעגען מיך וועלדער און וואָלקענס,
באַלד קוואַלען און שטראַהלען פאַרפיהרען...

און האָב איך מיין גלויבען אין אויגען,
מיין אָפּגאָט פון ליעבע פאַרלאָרען,
און זיינען די בערג און די פעלדער,
מיר וואָכעדיג־נמאס געוואָרען —

אידעאַל איז די מענשהייט געוואָרען,
און צוקונפט — דער הייליגער גלויבען,
ביז גיפטיגע קאַלטע ערפאַהרונג,
דאָס לעצטע געקומען איז רויבען...

איז איצטער דער שפיעל שוין געענדיגט,
ניט מעהר קיין אמונה געבליבען? —
זאָג פריינד מיר, געפינט זיך ניט ערגעץ
אַ'ן אָפּגאָט צו גלויבען און ליעבען?...

1905

גאָט-זוכענים

צינד אָן אַ טויזענד פּאַקעלען,
אונ זוך און זיפּ;
רופ ביז דיין קול ווערט הייזעריג,
און בלאָ דיין ליפּ —

אומזיסט, אומזיסט...
דער רוים איז וויסט.

צום הימעל קוקסטו? אָרעמער!
ער איז באַנקראָט...
די שטערען צעהלסטו? וועסט דאָרט ניט
דערזעהן דיין גאָט...

ניט מיה זיך מעהר,
דאָך הער מיך, הער: —

דיין האַנד וואָס טאַפּט אין פינסטערנים
דאָס איז ז י י ן האַנד,
דער פאַקעל וואָס דו זוכסט מיט איהם
דאָס איז ז י י ן בּראַנד...

און מיט זיין שטים
בלויז, רופסטו איהם...

ע ר איז דער צווייפעל, ווען דו טרינקסט
דעם ספק'ם גאַל,
און ע ר — דאָס אויג, וואָס שמאַכטענדיג
שפּיאָנט נאָך אַ שטראַהל...

דיין גאָט־ב אַ ג ע ה ר
אָט ד אָ ס איז ע ר...

1910

אַ לעבּענס-שיפעל

מיט זעגלען לוסטיג אויסגעשפּרייט,
מיט קאָמפּאַס ריכטיג אָנגעשטעלט,
אַ לעבענס־שיפעל איז אַרויס,
אין ים־אוקינוס פון דער וועלט...

געלאַכט צום בלאָען הימעל האָט,
פון האָפענונג דער שטאָלצער מאַסט,
און שווער אַראָפּגעוואויגען האָט,
די רייכע אידעאַלען - לאַסט...

דאַן האָט דער שטורעם זיך צושפּיעלט,
דער הימעל האָט זיך שוואַרץ געהילט,
דער ים מיט ווילדען גרימצאָרען,
האָט אויף דאָס שיפעל בייז געברילט...

ביז קרעכצענדיג און קראַכענדיג,
דער הויכער מאַסט געפאַלען איז,
ביז אַלע זעגעלן האָט צופליקט,
דער שד פון ווינד און פינסטערנים...

געראַנגעלט האָט דאָס שיפעל זיך,
און ס'פאָדערט אַלץ דער ים־שד מעהר:
„גיב שיפעל דיין פאַרמעגען מיר,
„די אוצרות דיינע גיב אַהער..."

און ס'שיפעלע, זיך דינגענדיג,
האָט נאָכאַנאַנד דעם ים געצאָהלט,
האָט בּיסלעכווייז אַוועקגעשענקט
דעם תהום, איהר שאַץ פון גאָלד...

און ווען עס האָט ניט מעהר געהאַט —
אָהן מאַסט, אָהן זעגעל, אָרעם, לעער,
צושמעטערט האָט דער שטורעם עס,
און איינגעשלונגען האָט דאָס מעער...

1906

וויל און מוז

איך האָב געהויבען וואָלקען־הויך מיין שטאָלצען קאָפּ,
און האָב זיך גאוה׳דיג גערעכענט פאַר אַ גאָט,
איך בין געשטאַנען אין דעם שיקזאַל׳ס ווירבעל־ווינד,
אַ רוהיג פעסטער אַקס אין שטורעמדיגען ראָד...

איך בין געוועזען א י ב ע ר יענעם נויטה־געזעץ,
וואָס קעניגט מיט געוואַלט אויף הימעל און אויף ערד,
וואָס טרייבט די זונן מיט פייער־בייטשען דורך איהר קרייז,
און אויף דעם הימעל׳ס צירק יאָגט אום די שטערען־פערד;

וואָס דריקט אויף יעדען קליינעם פעדימעל פון גראָז,
און איז דעם טויזענד־יאָהר׳גען צעדערבוים׳ס טיראַן,
וואָס שליינגעלט זיך אין בליץ, און ברילט אין דונער־קנאַל,
וואָס פּליסט אין טראָפּען טהוי, און שטראָמט אין אָקעאַן..

דען איך — איך איינער צווישען זיי געווען בין פריי,
גע מו ז ט אַרום האָט אַלצדינג, איך בלויז האָב
געוועלט,
געשעהן אַרום איז אַלצדינג, איך בלויז האָב
געטהאָן —
איך בין געווען אַליין דער מושל פון מיין וועלט..

און כ'האָב געריהמט מיין פרייהייט, פרייע מאַכט
פון „איך“,
ביז אויפגעעפענט האָט זיך מיין פאַרבלענדטער בליק,
און כ'האָב דערזעהן אַרום די פּיסלעך פון מיין טההאָן,
זיך פלעכטענדיג פאַרבאָרגען, יענע סאַמע שטריק,

וואָס בינדען זאַמד און גראָז, און בוים, און באַרג, און טייך...
און איך — אַ קליין פיגורכעל אין דעם וויסטען שפּיעל —
טאַנץ אום, געצויגען פון דער זעלבער בלינדער קייט,
וואָס אומעטום איז מוז, און איך רוף כלומרשט וויל...

1907

און איך אליין

אפט פרעג איך: אין דער תפיסה וואו איך שמאַכט —
און ציטער דאָך צו ווערען פריי געמאַכט —
ווי פיעל נאָך וועלען זיין ווי איך פאַרשפאַרט,
ווי פיעל שויז האָבען עהדער מיר פאַרבראַכט...

און זוכענדיג געפינט מיין אויג אַרום,
סמנים אויסגעקריצטע אויף די ווענד,
אַ שורה דאָ און דאָרט, אַ וואָרט אַ שטריך —
ירושות נאָכגעלאָזט פון טויטע הענד...

און כ׳קלער ווי לאַנג, ווי שווער האָט איטליכער,
געמיהט זיך איבער יעדען קליינעם שטריך,
אום אויף דעם קאַלטען שטיין אַ זכר, מיר
און אַנדערע צו לאָזען הינטער זיך...

און איך אַליין? — איך קריץ מיין נאָמען אויך
מיט פינגער פון מיין אייגנעם בלוט פאַרטריפט,
און נאַר און טרייסט זיך טאָמער איינעם'ס אויג,
וועט ווען־ס'איז פאַלען אויף מיין
אונטערשריפט...

1907

דאס מעכטיגסטע

דו האָסט געזעהן דעם ים־אוקינוס׳ גרויסע מאַכט,
וואָס שפּיעלט זיך מיט דעם שטאָהל־געפּאַנצערטען אָקרענט,
דו האָסט געזעהן דעם אַוואַלאַנש וואָס האָט צוקראַכט,
אין איין מאָמענט דאָס ווערק פון טויזענד מענשען־הענד;

דו האָסט געזעהן דעם קראַטער וואָס שפּייט אויס זיין גאַל
פון גלוטיג געלער לאַוואַ, איבער פעלד און וואַלד,
געהערט דאָס באַרג־געוויטער וואָס מיט דונער־קנאַל,
די טויזענד־דורות־אַלטע פעלזענשפּיצען שפּאַלט;

דו האָסט געזעהן, געהערט, און פול מיט שרעק, פאַרגאַפט,
געשטאַנען ביזטו און באַוואונדערט אין דער שטיל,
אין ז י י באַוויזען האָט זיך דיר די העכסטע קראַפט —
דאָך ווייסטו וואָס פון ז י י איז שטאַרקער, גרעסער פיעל?

דער גראָער שטילער ראָסט וואָס פאַרבט דעם פּיראַמיד,
וואָס אונבאַמערקט אַטאָמען־ווייז זיך קלייבט און מעהרט,
וואָס ליאַרעמט קיינמאָל ניט, און קיינמאָל ווערט ניט מיעד,
וואָס וואַרט אַ'ן אייביגקייט און סוף־כל־סוף צושטערט...

1907

ביים טויער פון לעבען

(אַ פראַגמענט.)

ביי דעם טויער פון הימעל טרעפען זיך צוויי נשמות; איינע קומט צוריק פון אירדישען לעבען, די צווייטע געהט ערשט אַרויס אַהין.

די צוריקקעהרענדע: —

שוין וועהען מיר אַ גרוס פון ווייטען,
דעם הימעל'ס קאַלטע אייביגקייטען...
אַ צייט געקניפּט פון נעכט און טעג,
אַ אָרט פון טרייבען און געיעג,
איהר וועט מיך מעהר ניט בינדען —
אין קוואַל פון ליכט וואָס אייביג שטראַהלט,
און קיינמאָל שטייגט ניט, קיינמאָל פאַלט,
דאָרט וועל איך שנעל פאַרשווינדען...

ניט שטרעבען מעהר, ניט ווערען מעהר
געשניטען פון דער טייפעל־שעער
וואָס איהרע קלינגען זיינען —
אַ רגע רוה, אַ רגע — שטרייט,
אַ שטענדיגע פאַרפלאָכטענהייט
פון פריידען און פון פיינען...

אַ הימעל נעהם מיך צו צוריק,
לאָז איבערטרעטען מיך די בריק,
צו דיינע ברייטע ספערען,
וואָס דרעהען זיך אין רוים אָהן מיה —
וואו ס'קוויקט די שטילע סימפאָניע,
פון זונען און פון שטערען...

די אַרויסטרעטענדע: —

געענדיגט איז די צייט פון טרוימען,
אין אונבאַגרענצטע אויר־רוימען —
דאָס שוועבען הין און שוועבען הער,
אָהן ציעל, אָהן צוועק, און אָהן באַגעהר,
און זיין אי דאָ אי דאָרטען...
דאָס זויגען זאַפט און ציהען סאָק,
פון יעדען גראָז און בלומען־שטאָק,
אין ברייטען געטער־גאָרטען...

דאָס דרעהען תמיד זיך אין קרייז,
און קיין מאָל ניט פאַראויס אַ שפּרייז,
קיין ווייטער און קיין נעהנטער...
דען וואָס איז איצט איז יעדע שעה,
און וואָס איז דאָ, איז דאָרטען דאָ,
און אומעטום איז צענטער...

אָ, עפען הימעל־טויער, שנעל! —
לאָז איבערטרעטען מיך די שוועל
צום לאַנד פון מענשען־קינדער,
צום לאַנד וואו ס׳בייט זיך נאַכט מיט ליכט,
צום לאַנד פון שטרעבען און פון פליכט —
צום לאַנד פון מעהר און מינדער...

ערשטע נשמה: —

דאָרט אַקערט מען און זעעט מען לאַנג,
בעפאָר עס שפּראָצט אַרויס דער זאַנג,
און וואַקסט ער מוז ער וויאַנען;
און דאָ איז אַלץ געענדיגט שוין,
ניטאָ קיין מיה, ניטאָ קיין לוין,
און טויט איז ניט פאַראַנען...

צווייטע נשמה: —

וואו תמיד פול, איז תמיד פוסט...
און אייביגקייט — וואָס איז אָהן לוסט? —
ס'איז בלויז דער טויט וואָס שטאַרבט ניט...
און גלייך צום ניט־זיין איז דאָס זיין,
וואָס שפּיעל פון שאָטען און פון שיין,
פאַרציערט ניט און באַפאַרבט ניט...

ערשטע נשמה: —

איך האָב געזוכט אין פינסטערנים,
אַ זעמדעל וואָס געוועזען איז
אין אָקעאַן פאַרטראָגען,
איך האָב אַרומגעזוכט אומזיסט,
און וואָלט איך ס'קערענדעל דערוויסט —
וואָס וואָלט איך דאַן געקראָגען? —

אַ שטויב פון וויסען... קליין און קאַרג,
גענומען פון דעם גרויסען באַרג,
וואָס דאָ שטעהט פריי און אָפען...
וואָס דאָ זעהט קלאָר דער ערשטער בליק,
דאָס וואָלט איך דאָרט נאָר צופעליג
און בלינדערהייד געטראָפען...

צווייטע נשמה: —

ווי גרויס די פרוכט, ווי קליין די פרוכט,
וואָס מאַכט עס אויס אַבי געזוכט —
דאָס זוכען איז דער עיקר...
און ס׳גאַנצע קריגט זיין גרעסטען חן,
ביי דעם וואָס זאַמעלט שטיין פאַר שטיין,
און שטעלט עס אויף פון שטיקער...

דאָך וויסען אַלץ איז וויסען נול,
דאָך רוקען ביסלעכווייז דעם גבול,
פון קענען און פון וויסען —
אַנטפּלעקען לאַנזאַם סוד פאַר סוד,
דעם טיעף־פאַרדעקטען וועלטען־ראָד —
בלויז דאָס הייסט פרייד געניסען...

אַ שטימע: —

אי דאָ אי דאָרט, עס איז עגאַל,
דאָ איז די זונן און דאָרט דער שטראַהל,
דער שטראָם איז דאָרט און דאָ דער קוואַל,
דאָך אַלץ די זעלבע מאַכט די שטומע...
דערזעלבער שטאָף, דערזעלבער גייסט,
וואָס שאַפט און טויט, וואָס בויט און רייסט,

און רונד אַרום זיך תמיד קרייזט,
און שטענדיג בלייבט די זעלבע סומע...

דאָס גאַנצע איז פון תמיד גאַנץ,
און גלייך איז אייביג דער בילאַנץ,
אין רוהלאָזען חלקים־טאַנץ,
וואָס פלעכט און בינדט זיך טויזענד־אַרטיג,
דאָך אין דעם שמאָלען שפּיגעל פּאַלט,
פון וועלט־זיין בלויז די הויט־געשטאַלט,
און ס'בליהט און שטאַרבט, ווערט ניי און אַלט,
וואָס תמיד איז פאָלקאָם און פאַרטיג,
וואָס תמיד וועט זיין ווי געווען...
דען ס'האָט קיין אלף און קיין תיו ניט,
עס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף ניט,
און ס'האָט קיין וואו ניט און קיין ווען...

1908

די נייע געטער

צוברעך די אונריינע אַלטאַרען,
זיי זיינען פאַלש, זיי אַלע נאַרען...

דעק אויף דיין גאָט'ס פאַרהילטען פנים,
רייס אָפּ זיין מאַסקע און קוק אָן איהם —

ס'איז בלויז דיין „איך“ וואָס לויז געריסען
זיך האָט, פון אייגענעם געוויסען...

דיין „איך“ בלויז וועלכער איז אַנטלאָפען,
פון וועלט־געזעץ, פון הימעל'ס שטראָפען...

דיין פרייהייט? — קוק זיך צו נור נעהנטער,
ס'איז דיין ב אַ ג ע ה ר דער ווילד־צוברענטער.

וואָס דורך דעם פּאָקום פון די ליפּען,
פערוואַנדעלט האָט זיך אין פּ ר י נ צ י פּ ע ן...

טהו אוים דיין קרוין פון זעלבסט־רעגיערער,
דו אונגעשיקטער דעזערטירער,

אויף וועמענס פים די קייטען קלינגען,
וואָס וועלען דאָרט צוריק דיך ברינגען,

פון וואו דיר לויפען האָט געוואָלט זיך,
און ברעכען וועט דיין שקלאַפען־שטאָלץ זיך...

אין שטויב זיך לעג, און בויג דיין שטערען,
און רייניג מיט חרטה־טרעהרען,

דיין גאוה׳דיג און זינדיג שטרעבען,
און שטאַרב אום ווידער אויפצולעבען...

דען דער וואָס וויל זיין גאָט דערקענען,
מוז ערשט זיין איך, אַליין פאַרברענען...

1909

שיקזאַל

אליין אויף ווייטע ימים,
אַ וואַנדער־פויגעל פליהט,
און דורך דעם אויר־מדבר,
צום ווייטען אינזעל ציהט...

וואָס וויים דער וואַנדער־פויגעל,
ווען ער אין וואָלקען שוועבט,
פון ביסעל זאַמד וואָס האָט זיך,
אין פיסעל איהם פאַרקלעפּט?...

אין ברוינעם זאַמד פאַרבאָרגען,
אַ קערען איז פאַראַן,
און שמוגעלט זיך אַריבער
דעם ברייטען אָקעאַן...

דורך ווינד און שטורעם פלאַטערט
דער קליינער פיאָנער;
דעם קערעןִ'ס גורל וואַקעלט
אין רוים זיך הין און הער...

דער בראַווער וואַנדער־פויגעל
געפינט זיין אינזעל אוים,
דאָרט בויט ער אין אַ פעלז־שפּאַלט
זיין אָרעם עלענד הויז.

און לעבט זיין איינזאַם לעבען,
און אָהן אַ שפּור פאַרגעהט,
דאָך לויזגעברעקעלט האָט זיך,
זיין אורח שטילערהייד...

און זויגט מיט הונגער־חשק,
די פרישע אינזעל־ערד,
און פון דעם קליינעם קערען,
אַ וואַלד אַ גרויסער ווערט...

1909

געשטאלטען און שאטענס

קינסטלער-ווערע

געוועזן פאַרטיג אין זיין קאָפּ,
און בולט־ליכטיג, איז די העלד־געשטאַלט,
וואָס פון זיין מוח׳ס שמעלץ־אויוועז,
אַרויסגעגאָסען האָט זיין דיכטער־גייסט,
און אויסגעפורעמט טראָפּענס־וויז,
דורך טעג אָהן רוה, דורך נעכט אָהן שלאָף...

שוין האָט געטהורעמט פאַר זיין קינסטלער־אויג,
דער שטאַרקער קאָפּ, מיט שטאָלץ צוריקגעבייגט,
דער שענער שטערען צו דער הויך געקעהרט,
די גרויסע אויגען ים־טיעף, זונען־קלאָר —
די ליפּען מוטהיג־פּעסט צונויפגעפּרעסט,
פאַרריגלענדיג אַ׳ן אַרסענאַל מיט קראַפט —
די כוח־פולע אָרעמס, דורכגעוועבט
מיט אָדערען ווי פּיילענבויגען־שטריק...

מיט הויך־געוועלבטער ברוסט, פול קריגער־פרייד,
באַרייט צו ק ע מ פ פ ע ן מיט אַ וועלט,
באַרייט זי ט ר אָ ג ע ן אויף זיין קאַרק,
געשטאַנען פאַר זיין דמיון איז דער העלד...

און קוים נאָר פלעגט דאָס אונגעוויסע ליכט
באַגינען דורך די שויבען דורכזיפען,
שוין פיבעריש געקנעטעט האָט זיין האַנד,
דעם טויטען, נאַסען, קלעפּיג־ווייכען שטאָף...

און ווי אַ פייער־שטראָם געפלאָסען איז,
פון זיין נשמה׳ס טיפסטער טיפענים,
ביז צו די פינגער־שפיצען, י ע נ ע ם בילד
פאַרבאָרגען אין זיין קדשי־קדשים לאַנג...

און איילענדיג געאַרבייט האָט די האַנד,
און גליהענדיג געאַנקערט זיך דער בליק,
אין קאַלטען לעהם,
ווי גלעטענדיג, ווי הילפע בעטענדיג,
פון נאַסען לעהם...

און טעג אויף טעג פֿאַרגעהען, און שוין ברענט
דעם קינסטלער׳ס מאַרך דאָס פֿאַרט׳גע מוסטער־בילד,
און שפּאַרט און שפּרינגט אַרוים אַלץ ליכטיגער...
און פֿיבערישער קנעט די האַנד,
און גלוטיגער אַלץ בעט דער בליק און בעט...

דאָך אונגעלומפּערט איז דער לעהם, און פֿויל,
און שלעכט געהאָרכט די פֿליישׂ־און־ביינער האַנד,
דעם טויזענד־פֿליגעלדיגען קינסטלער־גייסט...
קוים שטרעקען זיך פֿון גראָען טייג אַרוים,
די רויהע גליעדער פֿון דער העלד־פֿיגור...
ניט עהנליך גאָר צו י ע נ ע ר אַ נ ד ע ר ע ר,
וואָס גלאַנצט און שטראַהלט ביי איהם אין מוח שוין,
אין פֿולער שענהייט און אין גאַנצער קראַפֿט...

און ווען די שוואַרצע נאַכט פֿאַלט אָן,
דאַן זיצט ער שווייגענדיג ביים לעהם,
און קוקט פֿאַרצווייפֿעלט אויף זיין האַלבען ווערק,
און ס׳דוכט זיך איהם ווי פֿונ׳ם טויטען שטאָף,
זיך לויזצורייסען ראַנגעלט שווער דער העלד,

און שלעפּט די גליעדער ניט געענדיגטע,
און קוקט מיט גרימצאָרען דעם קינסטלער אָן,
און שילט מיט ליפּען האַלב־ג ע פ ו ר ע מ ט ע,
און שפּאָט' פון זיין באַשעפער'ס שלאַפער האַנד...

1907

אַ דועל

געזיכערט אין דעם שאָטען פון דער נאַכט,
געגאַנגען איז ער האַסטיג הינטער איהר...
אַ שטראַסען־מיידעל זי, און ער —
אַ מאַן געאַכטעט אין זיין קרייז,
אַ מאַן וואָס זיין געוויסען האָט
די קרעמפּפען פון חרטה,
נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט...

פון פולען בייטעל שענקט ער אומעדום,
צו איטליכען וואָס שטרעקט אַ האַנד;
אַ גוטער פאָטער איז ער און אַ גוטער זוהן,
אַ טרייער בירגער פון זיין לאַנד,
אַ זייל אַ פעסטער פונ׳ם וועלט־געשטעל,
געזונד אין קערפּער און אין גייסט.

אַ׳ן אַנדער מין איז ז י, אַ׳ן אַנדער מין איז ע ר...
דער מ ע נ ש איז ע ר, אַ ז אַ ך פון שאַנד איז ז י...

ז י טראָגט איהר גוף אַוועק אין מאַרק,
און פאַדערט געלד פאַר ליעבע — ער בעצאָהלט,
ניט דינגענדיג, ניט קאַרגענדיג,
מיט פרייער האַנד — נאָך מ ע ה ר ע ר   ווי זי בעט...

אַ זומערפויגעל זי, אַ שעהנס, אַ חנ'עוודיגס,
וואָס פלאַטערט לוסטיג איהם צוליעב,
און פריהער־שפעטער וועט אין רינשטאָק זיין...
אַ מייזעלע אַ שפּיעלעדיגס וואָס לעבט פון קויט,
און מאַכט פאַר איהם דעם אויר ריין...
אַ זיסע זינד וואָס קיצעלט זיין פאַרלאַנג,
און פילט מיט עקעל דאַן...

מיט עקעל... אָבער ניט אויף ל אַ נ ג.
צוריק זיך אומקעהרען
באַלד וועט ער אין זיין היים,
זיין ציכטיג־ריינע היים, זיין הייליגקייט....
קיין זכר פון אַ פלעק, קיין קערענדעל פון קויט
פאַרטראָגען דאָרט וועט זיין זכרון ניט...
פאַרגעסען שנעל וועט זיין די קורצע שטיפעריי,
און ריין און רוהיג וועט זיין שלומער זיין —
דער שלומער פון אַ בראַווען מאַן...

ס׳ליכט פון דער גאַז־לאַנטערנע איז
געפאַלען אויף דאָס פּאָאר,
אוןביידע האָבען זיך באַקוקט...

דער מאַן מיט חוצפּה׳דיגען תאוה־בליק
געוואונקען האָט דער שקלאַפין פון זיין לוסט...
אַ חיה ־ בליק געזויגען האָט
דעם רונדען פולען גליעדערבוי,
פון אַ באַצאָהלטען קרבן...

אַ בליק אָהן גלוט, אָהן ליידענשאַפט,
אַ מיש־מאַש פון נצחון און פון האַס,
האָט ווי דער שימער פון אַ מעסער־קלינג,
אַרויסגעבליצט פון מיידעל׳ס אויג...
און פּראָטעסטירענדיג געשפּאָט׳
פון זיסען שמייכעל אויף איהר ליפּ —
אַ שמייכעל פון אַ נ אָ כ ג ע מ אַ כ ט ע ר לוסט...

באַגעהר פון פלייש האָט אין באַגעהר פון געלד,
געפונען זיין געווינשטע פּאָאר;
און פריינדליך, פריידיג איז געווען דער גרוס
פון איהר צו איהם, פון איהם צו איהר...

דאָך שטומערהייד, פאַרדעקטערהייד,
געראַנגעלט האָבען זיך צוויי פיינד...
פאַראַכטונג מיט פאַראַכטונג האָט
באַגעגענט און געמאָסטען זיך,
און אויסגעפאָכטען אַ דועל —
אַ ה י פ אָ ק ר י ט י ש ע ן דועל...

1907

צדקה

(איבערזעצט פון ר י ש פ ע ן.)

דער פרעמדער קערל האָט מיך שטום באַטראַכט
דאַן פעסט די ליפּען צוגעמאַכט.

ער האָט קיין בעט־וואָרט ניט צו מיר געווענדט,
ער האָט בלויז אויסגעשטעקט די הענד.

ער האָט מיר ניט מיט זיסע רייד באַדאַנקט,
ווען איך האָב איהם מיין גאָב דערלאַנגט.

נאָר האָט זיין וואָלף־אויג דייטליך מיר ערקלערט,
ווי אויסגעטייטשט מיין געבען ווערט.

עס האָט געזאָגט: און גלויבסטו, שטאָלצער נאַר,
אַז ס׳מאַכט דיין סענט דיך פאַר מיין האַרר?

עס האָט געזאָגט: איך שטעל דיר מצוות צו,
דאָך א י ך בין נ י ט בעל חוב, נאַר ד ו.

עס האָט געזאָגט: נאָר דו אַליין געניסט
א זיסען תענוג, ווייל דו גיסט.

עס האָט געזאָגט: דו שענקסט אַ סענט און שוין
זיך ציערסטו מיט דעם נדבן׳ס קרוין...

עס האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ זכות עס איז,
דעם צווייטען האָבען צו די פיס...!

עס האָט געזאָגט: איך נעהם, דאָך מעקסטו ניט
דעם פלוך וואָס קלעפּט צום געבער׳ס טריט.

אַזוי גע׳טענה׳ט האָט זיין וואָלף־אויג־שפּראַך,
אַזוי האָט ער פאַרטייטשט די זאַך.

און איך דערזעהענדיג זיין בייזען בליק,
האָב ניט געענטפערט איהם צוריק.

געזוכט נאָך קליינגעלד... דאָן אַוועק אין האַסט,
ניט וויסענדיג אַ וואָרט וואָס פּאַסט.

דען אמת האָט דאָס וואָלפען־אויג געזאָגט,
און האָט מיט חרפּה מיך פאַריאָגט...

1909

אַ ווידוי אָפּט געהערט

איצט ווען די שאָטענס קריכען שוין,
מיט שלאַנגען־טריט צו זיינע פיס,
זיין פולען ווידוי גיסט ער אויס פאַר מיר...
און אפשר וועט זיין ווידוי זיין
דער ווידערקלאַנג פון טויזענד אַנדערע,
וואָס דריקען ערגעץ שטומערהייד...

זיין ווידוי? — ניין!... ס'איז קוים דאָס רעכטע וואָרט.
חרטה — זאָגט ער — האָט ער ניט...
האָט קיינמאָל ניט געהאַט די פרייע האַנד,
צו זיין דער האַרר פון זיינע זינד,
און שלעכטס טהון נאָך זיין הערצענסלוסט...
אין אויער תמיד, איהם געשווישטשעט האָט,
די שאַרף־פאַרשפּיצטע בייטש פון נויטה,
מיט טייפעלשען באַפעהל...

פאַרבראָכען האָט ער, ווייל ער האָט,
אין שוואַכען ציטערענדען לייב,
קיין לייבען־גבורה ניט געהאַט...
געזינדיגט האָט ער, ווייל ער איז
קיין העלד־מאַרטירער ניט געווען,
קיין שמשון און קיין פראָמעטהיי...

די וועלט וואָס איהם צ ו ע ר ש ט זיך האָט אַנטפּלעקט,
דאָס איז געווען די ש ט י ו ו ע ל־ז ו י ה ל,
וואָס איבער איהם, דעם ו ו אָ ר ע ם, האָט געדריקט...
און האָט ער ווען אַ שטערענדעל געזעהן,
אַ בלאָען הימעל־שטרייף, אַ לענטע גראָז —
פּאַסירען פלעגט עס על פי סבה בלויז,
ווען ס'פלעגט דער שוך זיך אויפהויבען אַ האָאר,
און ער פלעגט כאַפּען פון דער זייט אַ בליק...

דער עיקר אָבער איז געווען די זויהל,
אַ שטאַרקע, שענע, דיקע לעדער־זויהל,
פאַר א י ה ם אַ קליין באַשעפענים
דאָס מוסטער־בילד, דער העכסטער אידעאַל,
פון גרויסקייט און אַלמעכטיגקייט...

אַקעגען שוך זיך שטעלען ?... א י ה ם,
אַ ווערעמעל, ווי האָט אַזוינס

געקענט צומאָל גאָר איינפאַלען?...
פיעל לייכטער און פיעל זיסער איז געווען
צו ליעגען אונטער איהם,
און חלום׳ען אַז פון אַ וואָרעם קען,
אַ קנאַפּעל ווערען מיט דער צייט,
און דאַן... דאַן טראַמפּלען מיט געשמאַק,
און זיין אַ שוך מיט שיך צוגלייך...

און ס׳האָט דער וואָרעם ניט געפלוכט,
ניט פּראָטעסטירט צומאָל,
נאָר אַלץ געטרוימט פון שטיוועל־קראַפּט,
ווי שען, ווי גרויס, ווי אַלמעכטיג זי איז...

און ס׳האָט דער וואָרעם ניט באַקלאָגט
דעם גורל זיינעם אין׳ם שטויב —
באַקלאָגען וואָלט געהייסען דאָך,
פאַרלירען יעדע האָפענונג,
צו זיין אַליין אַמאָל אַ זויהל...

און אַלט געוואָרען איז דער וואָרעם שוין,
געקייקעלט זיך אַ לעבענס־לויף אין שטויב,
און נאָכגעמאַכט דעם קנאַפּעל אין געדאַנק,
ערוואַרטענדיג אַ גלגול ווען־עס־איז —
דעם גלגול פון אַ וואָרעם אין אַ שוך...

און איין מאָל האָט דער וואָרעם זיך דערוואוסט,
אַז ערגעץ איז פֿאַראַן אַ וואָרעם־בונד,
וואָס פלוכט און שילט און פּראָטעסטירט,
אַקעגען זויהל און קנאַפּעל – שקלאַפערייַ...

דאַן האָט דער וואָרעם גיהנום־פּיין דערפיהלט.
זיין גאַנצער שטיוועל־חלום איז
צופלויגען ווי אַ זייפענבלאָז...
און באַרג־שווער איז געוואָרען איצט,
דעם קנאַפּעל׳ס טראַמפּלען איבער איהם,
און מורא׳דיג געוועזען איז דער פלוך,
פון אַלטען וואָרעם, וועלכער האָט,
אַ גאַנצעם לעבען ליעגענדיג אין קויט,
דעם שוך־טיראַן באַוואונדערט פאַר זיין מאַכט,
און איהם אַלס מוסטער־בילד געשטעלט...

1907

נאַכט מחשבות

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען נאַכט...

אין מיטען נאַכט געפונען האָב איך זיך,
אַליין אין צימער איינגעשטייגט,
אַליין אין דיקער, טיעפער פינסטערניס...
און ניט צומאָל אַ קליינער שטערען האָט,
אַריינגעוואונקען שטילע חבר'שאַפט;
און ניט צומאָל אַ שוואַכער זיפץ פון ווינד,
דערמאָנט האָט אָן אַ דרויסען־וועלט...
און קיינער פון די קלאַנגען אָהן אַ צאָהל,
וואָס בלאָנדזשען תמיד אום ביינאַכט —
דורך וועלכע ס'רעדט די וועלט פון שלאָף —
קיין איינציגער האָט ניט צו מיר דערגרייכט...
און כ'בין געווען אַליין...

און אויסגעמעקט האָט מיין זכרון זיך —
פּרובירט האָב איך אומזיסט די איינזאַמקייט,
מיט מח־בילדער צו בעפעלקערן,
אומזיסט די שוואַרצע פוסטקייט אָנפילען געזוכט
מיט סצענעס דורכגעלעבטע לאַנג,
מיט פּנימ'ער געליעבטע צי געהאַסט —
ווי אויסגעלאָשען איז געוועזן אַלץ...
און כ'בין געווען אַליין...

און מיט געשאַרפטען אויער צוגעהערט
האָב איך, דאָס האַמערען ביי מיר אין ברוסט,
די טיק־טאַק קלאַפּעריי אָן וועלכער ס'הענגט,
מיין גאַנצער „איך" מיט זיין געטרוימטער מאַכט...
געהערט ווי ס'יאָגען, מיך ניט פרעגענדיג,
די בלוט־טראָפּענס דורך יעדען אָדער־רעהר...
געהערט ווי ס'שטאַרבען און באַנייען זיך,
די טהיילכעלעך פון מוסקעל און פון מאַרך,
ניט פרעגענדיג, ניט וויסענדיג פון מיר...
און כ'בין געווען אַליין...

נאָך שאַרפער איז געוואָרען מיין געהער,
ביז כ'האָב געהערט ווי יעדער סטוק,
ווי יעדער שלאַג פון הערצען קלאַפּט צו מיר: —

„מעסט אוים די גאַנצע גבורה פון דיין „איך“,
„מעסט אוים דיין גאַנצע שוואַכקייט איצט,
דען דו ביזט בלויז אַליין...“

און אויפגעשפּרונגען בין איך און אין רוים
אין פינסטערען, אַרויסגעשריען: „שטאַרק,
„יא שטאַרק בין איך, און בין פאַר זיך גענוג.“
און דאַן... געוואַרט האָב איך ס'זאָל עמיצער,
ס'זאָל עמיצער אַ חוץ מיר ענטפערען,
צי ווידערקלינגען כאָטש מיין קול...
דען כ'בין געווען אַליין...

1907

דער געוועזענער נביא

דער חושך וואָס האָט זיין נשמה פאַרוויקעלט,
דער וועהטאָג וואָס האָט אויף זיין וואַקס־געלען פנים,
ווי קליינינקע קברים׳לעך, קנייטשען געגראָבען —
די לאַסט וועלכע האָט ווי אַ גרייז איהם געבויגען,
אין יאָהרען ווען מוטהיג דער קאָפּ דאַרף זיך הייבען —
דער קומער וואָס האָט זיינע אויגען די יונגע,
מיט מוטנעם און אייביגען יאוש פאַרנעבעלט —
זיי זיינען אַ חדה געוועזען ביי מיר,
ביז ער האָט אַליין מיר דעם שליסעל געגעבען,
ביז ער האָט אַליין מיר געעפענט די טהיר,
צום גיהנום וואָס לאַנגזאַם פאַרפייניגט זיין לעבען...

מיר האָבען שפּאַציערט אויף אַ׳ן איינזאַמען פעלד־וועג,
ס׳איז אַ קאַלט־בלאָע נאַכט אין נאָוועמבער געוועזען,
פאַרלאָשען די פייערלעך האָבען אַרום זיך...
אין מערב אַזוי ווי אַ רייה פון מצבות,
די באַרג־שפּיצען האָבען דעם הימעל געשטאָכען...

פון הייזער און בוימען אין שיין פון די שטערען,
געצייכענט זיך האָבען די נאַכט־סילועטען...
און טוכלע און פייכט איז געוועזען דער ריח,
וואָס האָט זיך אַרוים פון דער הערבסט־ערד געטראָגען...

דאַן האָט ער אַזוי ווי אָן עפּעס דערמאָנט זיך,
און דריקענדיג פּעסט מיר דעם אָרעם, צורעדט זיך,
און כ'האָב אין דער פינסטער געמערקט, ווי די אויגען
איהם גלאַנצען, מיט יענעם באַגייסטערטען פייער,
וואָס איז ביי דעם פאָלק דער „נר תמיד" געוואָרען: —

„קאַפּריזנע און ווילד איז די שאַפענדע קראַפט,
אין אַלץ וואָס זי טהוט און אין אַלץ וואָס זי שאַפט,
דערקענסטו דעם תוהו ובוהו...
דאָך ערגער פון אַלץ איז וואָס אָפטמאָל געשיעהט,
אַז שאַפענדיג לאָזט זי איהר ווערק אין דער מיטט'
און ס'בלייבט איהר מלאכה אַ רויהע.

„דאַן האָסטו אַ כאַאָס, אַ ווילדעס געמיש,
אַ פויגעל אָהן פליגלען, אָהן שווימקראַפט אַ פיש
אַ קאַץ וועלכע האָט ניט קיין נעגעל,
אַ קריפּעל־געזינד וואָס אַ גאָט'ס משוגעת,
ארונטערגעשיקט האָט אויף דער־וועלט צום שפּאַס,
אָהן צוועק און אָהן פּלאַן און אָהן רעגעל...

. . . .

„אַ ליכטיגער פונק איז אין מאַרך מיר געדרונגען,
און האָט מיין נשמה אין פלאַמען געהילט,
ביי מיר האָט אַזוי ווי פון צעהנדליגער צונגען,
אַ פאַרביגער ווערטער־פאַנטאַן זיך צושפּיעלט.

„רויט־גלוטיג איז איטליכעס וואָרט־בילד געוועזען,
אַ פייער־קאַמעט אין געשטאַלט פון אַ שווערד,
דאָס האָב איך אין אויגען ענטציקטע געלעזען,
דאָס האָב איך אין שושק פון די מאַסען געהערט.

„און איך בין דער הייליגער נביא געוואָרען,
וואָס פלאַקערט פאַנאַנדער דאָס פאָלק מיט געוואַלט,
וואָס רעדט בלויז — און ס'ציערט זיך מיט בלומען דער דאָרען,
און ים'ען און פעלזען מיט גלויבען צושפּאַלט...

„און כ'האָב ניט בחנם מיין פייער פאַרשוועגדעט,
שוין האָבען די הערצער מיט צוטרוי געגליהט,
און וואו נאָר איך האָב מיינע בליקען געווענדעט,
מיר האָט מיין נבואה אַקעגען געבליהט...

„און טויזענדער הענד האָבען הויך זיך געהויבען:
אַ רעד אונז, אַ פיהר אונז, דו פיהרער־פּראָפעט,

און לערען אונז לעבען, און לערען אונז גלויבען,
דו שטראַהלענדער ריעז־מענש, דו צוקונפטס־שטאַפּעט...

„דאָך איך בין אַ ווײלע געווען בלויז אַ נביא,
בלויז קורץ האָט געוועהרט די באַגײסטערט גלות.
און דאַן... האָט אַ צווײפלענדע קאַלטע מחשבה,
דעם נביא געטײט און פאַרפראָרען זײן בלוט...

„דען איך בין אַ האַלבער פּראָפעט נאָר געבאָרען,
האַלב זומפּ און האַלב שכינה, האַלב פלאַם און האַלב פּראָסט,
אַ פינסטערע האַנד, האָט אין שפּאַס אָדער צאָרען,
אין מיטען פון קנעטען איהר אַרבײט געלאָזט...

„און ס'שפּרײט זיך די פלאַם דאָרט, וואָס א י ך האָב געצונדען,
עס מעהרט זיך די גלויבענדע יונגע אַרמײ,
דאָרט פלאַקערט די גלות וואָס פון מ י ר איז פאַרשוואונדען,
דאָרט הילכט נאָך אין עכאָס דעם נביא'ס געשרײ...

„דאָרט ווערט שוין אין מ ע ש י ם, מײן ר ע ד ע ן פאַרביטען,
דאָרט ווערען די ווערטער אין טהאַטען פאַרטײטשט,
דאָרט ווערט אין מײן נאָמען געקעמפּפט און געשטריטען,
און ס'ווערט אין מײן נאָמען דער פוילער געבײטשט...

„און זיי זיינען איצט די נביאים געוואָרען,
און דער וועלכער זאָל זייער פיהרער זיין איצט,
ער שטעהט אין דעם פלאַמענקרייז קאַלט און פאַרפראָרען,
אַ׳ן אייזבערג פון זייערע פונקען באַשפּריצט...“

1908

ט ו י ט

1.

איך האָב ביים גוסס׳ בעט געוואַכט...
אין דרויסען האָט אַ גאַנצע נאַכט,
געקלאָגט דער שטורעם־ווינד,
איך בין געזעסען און געטראַכט:
דער מלאך־המות האָט געבראַכט,
זיין פינסטערע געזינד...

„או—או, או—או“ — ווי בייז ער בילט,
און רייסט די טהיר און פענסטער ווילד:
„וואָס האַסטו זיי פאַרשפאַרט? —
„עס מאָהנט איהר חוב די קאַלטע ערד.
ס׳איז שווארץ די נאַכט, און שאַרף די שווערד,
„און איך, דער תליון, וואַרט...“

איך האָב צום בעט זיך צוגעלעהנט,
גערדיקט די דאַר־פאַרגעלטע הענד,
און צו מיין ליפּ געפּרעסט,
און דרויסען ביי די פענסטער איז,
געשטאַנען אין דער פינסטערניש,
דער טויט מיט זיינע געסט...

2.

די שויבען ווערען גראָליך־ווייס,
די נאַכט, די לאַנגע נאַכט צוקריכט,
די פלאַם פון לאמפּ פאַלט געל און קראַנק,
אויף זיין צונויפגעשרומפפט געזיכט...
דער דאָקטאָר שטעהט שוין אויף דער שוועל,
און שושקעט שטיל: „אַ שטונד, ניט מעהר..."
ער שושקעט שטיל, דאָך איך דערהער,
און פיהל געשמאָלצען בליי אין קעהל,
און ווערג זיך מיט אַ הייסער טהרער...

די גוסס־אויגען עפנען זיך,
אַ גאָט, ווי מורא'דיג ער בעט:
„מיך שרעקט דאָס שוואַרצע בילד פון טויט,
„פאַריאָג איהם, חבר, פון מיין בעט..."
און איך בין שטאַרק, און איך בין יונג,

און מיט מיין בלוט צו העלפען גרייט,
דאָך כ׳שטעה געלעהמט און שטעה געקייט,
און הער דאָס כריפען פון זיין לונג,
און ס׳בעסטע וואָס איך האָב פאַרגעהט..

3.

ווען איך זאָל וויסען, אַז דו האָסט
געזעהן אין לעצטען טויט-מאָמענט,
די טרייע פריינד אַרום דיין בעט,
און האָסט זיי איטליכען דערקענט —
עס וואָלט פאַר מיר אַ האַלבער טרייסט געווען,
דאָך גלאָזיג האָט דיין בליק געשטאַרט —
מיר האָבען בלויז אומזיסט געוואַרט:
ווער וייסט צו האָסטו אונז געזעהן?...

ווען איך זאָל וויסען, אַז דו ביזט
געשטאָרבען ווי געלעבט — אַ העלד,
געגריסט דעם טויט מיט יענעם מוטה,
וואָס האָט דיר קיינמאָל ניט געפעהלט —
עס וואָלט פיעללייכט מיין טרויער־שמערץ פאַרזיסט...
דאָך איז דיין ליפּ געוועזען שטום,
און מיר די טרייע פריינד אַרום,
מיר האָבען זיך געפרעגט אומזיסט...

4.

איך האָב געזעהן צום לעצטען מאָל,
ווי ס'שליסט זיך צו דעם ארון'ס דעק,
און שווער ווי טויזענד פודען שטאָהל,
געפאַלען איז אויף מיך אַ שרעק...

איך האָב געהערט דעם דומפּפען שאָט,
פון ווייכער ערד וואָס פאַלט און פאַלט —
און פלוצלינג פון דער גרוב־נאַכט האָט
אַ פונק פאַר מיר אַרויסגעשטראַהלט...

אַ ווייכע וויינענדיגע שטים,
מיין אויער האָט מיט טרייסט געגלעט: —
„דיין חבר וואָס דו ביינקסט נאָך איהם,
„ער שטייגט ארויס פון קבר'ס בעט...

„ס'איז ערגעץ דאָ אַ ליכטיג לאַנד,
„פון זיסער רוה, פון קלאָרער פרייד,
„וואו ס'קניפּען זיך מיט שטראַהלענבאַנד,
„די ט ר י י ע וואָס דער טויט צושיידט..."

פיעלייכט האָט מיך דער ווינד גענאַררט ?
פיעלייכט גערוישט אַ קברות־קוסט ? —
דאָך מיר האָט גלויבען זיך געגאַהרט,
מיר האָט זיך האָפען דאַן געגלוסט...

5.

פאַרשווינדען וועט דעם קבר'ס שרעק,
דער שוידער פאַר דער מת־געשטאַלט ;
דיין טויטען־בליק פאַרגלאָזט און קאַלט,
וועט ווי אַ שווערער טרוים אַוועק...

און אין מיין זין פאַרבלייבען וועט,
דיין אויג, מיט שוואַרצער גלוט געפילט,
דיין ליפּ, אויף וועלכער ס'האָט געשפּיעלט,
דעם טרוימער'ס טיעפער הערץ־סעקרעט...

דער קאָפּ, געלאָקט מיט ווייכער זייד,
דער לאַך, דער שטימע'ס מילדער קלאַנג,
דער דריק פון האַנד, דער לייכטער גאַנג,
די גליעדער'ס יונגע פרעהליכקייט...

און קיין מאָל זאָל אַ קבר־זאַמד,
ניט פֿאַלען אויף דיין שען געזיכט,
וואָס ווי אַ שטיל נר־תמיד ליכט,
אין ווינקעל פון מיין מוח פלאַמט...

1908

די ווייסע פעסט

זיין פנים ווערט אַלץ דאַרער, בלייכער,
די גליעדער איינגער איינגעצויגען,
דאָך ווערט זיין שטימע תמיד ווייכער,
און תמיד שענער זיינע אויגען...

אַ זעהט נאַר! ווי זיין קבר־קרבן,
פאַרציערט צום טויט דער שוואַרצער פריסטער
ווי פלעקיג־רויט זיין באַק געפאַרבען,
דער מלאך־המות האָט, דער וויסטער.

געענדיגט איז דעם לעבען'ס חלק,
פאַרשוואונדען איז דער שמערץ אפילו...
די טעג די לעצטע זיינען הייליג
דעם טויט, וואָס קומט מיט פוסטריט שטילע.

דאָם לעבען, וואָס פאַר איהם געפונען
האָט אַ קרענק בלויז, וועהטאָג און ענוים,
איהם פלאָגט ניט מעהר, און האָט פאַרגונען
אַ קורצע שמערצענלאָזע רוה איהם...

1907

דער טהורעם-מאַן

עס פלאַקערט אויף און לעשט זיך אוים,
און בליצט ארוים אויפ'ם נייַ,
אַ ליכטיג אויג, אַ פייער־גייסט
אין וואַסער'ם וויסטעניי...

דאָס איז די פלאַם פון לייכט־טהורעם,
אין שוואַרצען אָקעאַן,
און דרינען זיצט נאַכט־איין נאַכט־אוים,
דער גראָער טהורעם־מאַן...

אַרום איהם רוישט אַ קריעגס־געזאַנג,
דער ים מיט שוואַרצער וואוטה,
אַרום איהם בייטשט דאָס וועלל־געדראַנג,
דעם נאַכט־שד'ס שטורעם־רוטה...

דאָך זיצט דער מאַן און היט די פּלאַם,
און קוקט, און הערט, און וואַכט,
און גאָט ווייס וואָס אין איינזאַמקייט
זיין אַלטער מוח טראַכט...

טאָג־טעגליך קומט אַ שיפעל אָן,
און ברענגט דעם וועכטער שפּייז,
איין מאָרגען וועט אַ שיפעלע,
אַוועקפיהרען דעם גרייז...

זיין אויג וועט דאַן פאַרשלאָסען זיין,
זיין אויער שטאַרר און טויב,
און ס'וואַסער ברומען וועט צום ברעג,
דעם טויטען וועכטער'ס לויב...

1909

דיא מצורעים

אַ דונקעלע זומער־נאַכט. אַ וויסטע, מיט דערנער בעוואַקסענע באַרג־געגענד. אַן אָרעמע פון צווייגען צוזאַמענגעפלאָכטענע ביידעל. פון פאָרענט דריי אָפּגעצעהרטע האַלב־נאַקעטע מצורעים. איינער אַ יאָהר 20, דער צווייטער אַ מאַן פון 40, דער דריטער אַ יאָהר 60. פון ווייטען זעהען זיך אין טהאָל די פייערלעך פון אַ גרויסער שטאָדט.

דער מיטעל־יעהריגער:

...איך האָב געזעהן פיקעטען אין די בערג.
דער פיינד איז נאָהנט... איצט הענגט עס אָפּ אַן אונז,
צי טויט צי לעבען פאַר דער שטאדט...

דער יונגער:

און ברינגען מיר די נאַכריכט ניט אין צייט,
דאַן וועט דער שווערד פאַרטיליגען,

די שטאָדט, וואָס האָט פאַר טויזענטער
פאַרברעכער, נאַכטלעגער און רוה,
און ניט פאַר אונז די שטערבענדע...

דער מיטעל־יעהריגער:

אונז האָט מען היינט קיין עסען ניט געבראַכט...

דער יונגער:

און נעכטען איז צו אונז ניט מעהר קיין מענש
געקומען מיט דעם קאָרב פון שפּייז...
אַ קראַנקער, קרעץ־באַדעקטער הונד,
האָט אין זיין מויל געבראַכט דאָס בינטעל עסענוואַרג...

דער מיטעל־יעהריגער:

דער קראַנקער הונד געגאַנגען איז צוריק,
אַהין וואו מענשען וואָהנען... אונז דערפאַר
געטוידטעט וואָלט מען אָהן אַ מיטלייד־פונק...

דער יונגער:

שען איצטער איז די זומערנאַכט אין שטאָדט,
עס רוישט אין גאַס אַ לוסטיגעס געדרענג
פון פרויען און פון מענער, אַלט און יונג,

וואָס זופּען די געווירצטע אבענד־לופט...
פון העל־באַלוכט'נע הייזער פלאַטערען אַרוים,
ווי פויגעל־מחנות קלאַנגען פון מוזיק...
און אין דעם שאָטען פון די בוימער האַלט
די ליעבע, איהר געהיימען פעסט,
און הייסע ליפּען טרעפען זיך,
און גליעדער פלעכטען זיך צונויף,
אין יונגער אונגעצאַמטער פרייד...
אין וועמענס אָרעמס ווידערהאַלט
די זיסע ליעבע־ווערטער איצט,
דאָס מיידעל וועלכע האָט ניט לאַנג צוריק,
געקוסט מיך אַלס איהר אייביג־איינציגען? —
און וועמענ'ס שמחה וואָלקענט דאָרט דאָס בילד,
פון יענע דריי וואָס הונגערען אין פעלד,
פאַרשאָלטען און פאַרשטויסען און פאַרהאַסט
ווי שלאַנגען גיפטיגע? —

דער מיטעל־יעהריגער:

ס'איז אויך געווען אַ נאַכט, דאָך ניט אַ נאַכט ווי היינט,
ווען מיך פון שטאָדט אַ פעבעל האָט געיאָגט...
אַ ווילדער קאַלטער מבול האָט געפלייצט,
א שטורעם האָט דעם רעגען־שטראָם געביישט,
מיט וואָיעס ווי פון טויזענד הונגעריגע וועלף...

דאָך איך בין אין מיין וואָרעם־שטילען נעסט געווען,
געשיצט פון שטורעמ׳ס כעס, און נעבען מיר
אַ טרייע פרוי און קינדער שען און ליעב...
און פּלוצלינג האָט זיך אויפגעמאַכט די טהיר...
מיט קולות ווילדער פונ׳ם ווינד,
אַריינגעבראָכען האָט אַ מענשען־סטאַדע זיך,
און האָט מיך פון מיין בלוט און פלייש,
אַוועגגעריסען מיט געוואַלט...
מיט קללות און מיט פלוכען און מיט שפּאָט,
פאַרשטויסען חוץ למחנה מיך...
און טרייסלענדיג פון קאַלטען מבול־גאָס,
געקומען בין איך וואו מיר וואויהנען איצט...

דער יונגער:

האָט ווער דיך רעטען דאַן פּרובירט
האָט אימיצער פון יענע מענשען דאַן,
אַ וואָרט פון מיטלייד צוגעוואָרפען דיר?

דער מיטעל־יעהריגער:

אויף רעכטס און לינקס געדרעהט האָב איך מיין קאָפּ,
געזוכט, אויב ניט אַ וואָרט, אַ פריינדליך אויג,
אַ ווייסעל, פון אַ טהרער באַטהויט,
אַ קראַמפּף פון באַרעמהערציגקייט אַרום אַ ליפּ...

דאָך יענע װעלכע האָבען ניט,
קײן קללה מיר געשלײדערט אין געזיכט,
געװעזען זײנען פינסטער װי די גרוב,
און קאַלט װי נאָרד־פּאָל פראָסט...

דער יונגער:

און דו דער ערשטער האָסט דערזעהן,
דעם פײנד'ס פּיקעטען אויף די בערג? —

דער מיטעל־יעהריגער:

און האָב געװאָלט גלײך לויפען אין דער שטאדט....

דער יונגער:

און רעטען װילסטו, דו פאַרשטויסענער?...

דער זקן:

איך בין פאַרשטויסען און פאַרשאָלטען און פאַרהאַסט,
דאָך ניט פאַר'סם'ט פון שנאה'ס בײזען גיפט...
די פעסט װאָס בלאַטערט אויף מײן לײב,
האָט אויסגעזויגען יעדען גיפט פון זינן,

האָט איינגעזאַפּט אין זיך די ביטערקייט פון האַס,
און קיין צרעת פאַרקרעציגט ניט מיין זעעל...
קומט, לאָמיר געהן אין שטאדט...

דער יונגער:

כדי זיי זאָלען ניט־געשטערט,
דאָס גליק געניסען וואָס איז אונז פאַרוועהרט...

דער זקן:

דאָס אונגליק זייערס וועט ניט איינברינגען
קיין טראָפּען גליק פאַר אייך...
קומט, לאָמיר געהן...

דער מיטעל־יעהריגער:

כדי זיי זאָלען פון דאָס ניי,
פאַרגעסען אונזער קאָרב מיט שפייז? —

דער זקן:

איהר זייט די אָנקלאָגערס און זאָלט ניט זיין
צוגלייך די ריכטער וועלכע משפּט'ן...
די האַנד וואָס טרייסעלט זיך פון הונגער־פּיין
און ראַכע־פיבער, קען ניט האַלטען גלייך,

די וואָגשאָל פון גערעכטיגקייט...
קומט, לאָמיר געהן...

דער מיטעל־יעהריגער:

כדי זיי זאָלען נאָך דער רעטונג אונז,
צוריק פאַריאָגען אין די וויסטעניי? —

דער יונגער:

און הערען וועט מען אונזער נאַכריכט בלויז
פון ווייטען... קיינער וועט ניט קומען נאָהנט צו אונז...

דער זקן:

מיר געהען ניט צו בלייבען אין דער שטאדט,
ניט העלפען זיך, נאָר העלפען זיי...
קומט, לאָמיר געהן...

דער מיטעל־יעהריגער:

און ווען זיי וועלען דענקען גאָר,
אַז ראַכע טרייבט אונז צווישען פאָלק,
אום אָנצואוואַרפען שרעק אומזיסט? —

דער יונגער:

אוּן ווען זיי ווע‏לן, איידער נאָך אַ וואָרט
אַרויסגעהן וועט פון אונזער מויל,
אונז טיידטען, פאַר אַריינקומען אין שטאדט?

דער זקן:

זיי וועלען גלויבען אָדער ניט,
זיי וועלען אייך ווי שלאַנגען שטייניגען,
צי ווי מלאכים בענשען אייך מיט דאַנק.
דאָך טיידטען וועלען זיי בלויז ד ר י י —
דריי ק ר אַ נ ק ע מצורעים־לייט,
אוּן מיר... מיר רעטען וועלען ט ו י ז ע נ ד ע ר,
געזונדע, ריינע, קרעפטיגע...
קומט, לאָמיר געהן...

דער מיטעל־יעהריגער:

דאָך איך בין הונגעריג און קען ניט געהן...

דער זקן:

אַ שטיקעל טרוקען ברויט איז נאָך פאַראַן,
מיר וועלען טהיילען זיך און עסען אויפ'ן וועג...

מיר אַלע מוזען געהן כדי פון אונז,
דערגרייכען זאָל כאָטש איינער אין דער צייט...

דער יונגער:

מיין פוס מיט וואונדען איז באַדעקט...

דער זקן:

צורייס דיין העמד און בינד אַרום די וואונד...
מיר מוזען אײַלען אום צו קומען אין דער צייט...

אַלע:

מיר מוזען אײַלען...

(די מצורעים פאַרשווינדען אין דער פינסטערניס)

1909

צייט-לידער

פיהרערשאפט

די מעהרצאהל זייט איהר, און איהר ווילט
ער זאָל אייך רעספּעקטירען,
און קלייבט איהם צום פיהרער אויס,
באַדינגט איהר ער זאָל פיהרען,

וואו איהר ווי ווילדע מדבר־פערד,
וואָלט סאַי ווי סאַי געשפּרונגען...
און רעדען זאָל ער נאָר וואָס אייך
ליעגט אויף די פּעבעל־צונגען —

און קוקען זאָל ער אייך אין אויג,
און אייער וואונש אַנטפּלעקען,
און וואָס דעם עזעל־גומען שמעקט,
זאָל איהם דעם גאָט־מענש שמעקען —

און נאכגעהן זאָל ער כאָטש איהר ווילט
איהם זעהן אין ערשטער רייהע,
און זאָל דער פאהנע־טרעגער זיין,
און איהר די בעלי־דעה —

און שענקט איהר צעפּטער איהם און קרוין,
און זעצט איהר אויפ'ן טהראָן איהם,
די הערשער זיין ווילט איהר, און ער
אַ קעניג בלויז לפנים...

אַ פליעג־מענשען, אַ מילבען־קאָפּ,
ער וועט דעם כבוד וויי־כען,
וועט צוזעהן אייער עגל־טאַנץ,
און פון געלעכטער קייכען...

און פון דער הויך אייך, שפּאָטענדיג,
אראָפּרופען: חמורים,
דער פּאַסטוך וועט אין לעבען ניט,
פאַר שעפּסען פאַלען כורעים...

1906

פון אַ רעוואָלוציאָנער'ס ספּור

„...און ס'איז ניט אין אַפריקאַ געווען
וואו פון די חיות אין דעם וואַלד,
זיך לערענט אָפּ דער ווילדער מענש,
צו גלויבען בלויז אין פויסט־געוואַלט,
און בראָט זיין שונא לעבעדיג,
און פרעסט דאָס פלייש נאָך הייס פון פלאַם,
און ציערט מיט שטאָלץ זיין צווייג־געצעלט,
מיט טויטע קעפּ פון פרעמדען שטאַם...

„עס איז ניט אַפריקאַ געווען,
עס איז געווען אַ לאַנד, וואו לאַנג
פון טויזענד קירכען יעדען טאָג
געהערט זיך האָט דער גלאָקענקלאַנג,
און מענשען האָבען יאָהר פאַר יאָהר,
אין קריסטוס' נאָמען זיך געקוסט,
מיט ברודערליעבע אויף דער ליפּ,
און טיגער־גרויזאַמקייט אין ברוסט...

„קענט איהר, געבאָרען אין אַ לאַנד,
וואו ס'פליסט דאָס לעבען פראַנק און פריי,
פאַרשטעהן די פּיין וואָס דריקט און גאַללט,
דעם פרייען גייסט אין שקלאַפעריי,
וואו ניט נאָר טהאַט נאָר וואָרט און בליק,
מיט שפּיאָנען־אויגען ווערט געהיט,
וואו ניט נאָר גוף נאָר הערץ און זעעל,
אין אײַזען־קייטען איז פאַרשמידט ? —

„דאָך מעכטיג איז דער פרייהייטס־גייסט
און וואַקסט וואָס מעהר ער ווערט געדריקט,
און גליהט און זידט פאַרשפאַרטערהייד
ווי הייסער דאַמפּף וואָס איז פאַרשטיקט,
און ברעכט אַרויס מיט מאַכט און מוטה
דורך יעדע צוואַנג און יעדע צאַהם,
כאָטש ברעכען הייסט אַליין פאַרגעהן,
אַליין פאַרגעהן אין רויך און פלאַם...

„מיר זיינען הייסע קעפּ געוועזן,
און טאַנצענדיג אַוועג אין קריעג,
כאָטש איבער איטליכען פון אונז
געהאַנגען איז דעם תליון'ס שטריק,
און זיס געוועזען איז דער קאַמפּף,
און שנעל געקומען איז די שטראָף —

די שטראָף פון לייב וואָס משפּט צו,
די אונגליקליכע שוואַכע שאָף...
דאָך בראַוו איז אונזער הערץ געווען,
דער פּנים רוהיג ווי די פליכט —
דען לאַנג פון אונז האָט איטליכער,
זיך אויף זיין שוואַרצען סוף געריכט...

„נאָר שרעקליכער ווי תליה־טויט,
ווי צעהן מאָל שטאַרבען דורך דעם שווערד,
געווען איז יענער שמערץ וואָס אונז
דער שוואַרצער גורל האָט באַשערט...
„צווישען אונז געוועזען איז
אַ יונגע מיידעל מילך און בלוט,
מיט אונשולד פון אַ טירקעל־טויב,
און מיט דעם פּעלזען־אדלער׳ס מוטה...
און זי, ווי מיר, געגאַנגען איז
דעם לאַנגען שווערען וועג, געקייט,
דאָך די סאָלדאַטען־באַנדע האָט
מיט וואָלפען־אויגען זי באַגלייט...

„דאַן זיינען מיר אַ וואַלד פאַרביי —
אָ, ווען איך וואָלט געוואָרען בלינד,
בעפאָר איך האָב געזעהן דאָס בילד,
וואָס ווי אַ גיהנום־פלאַם אַצינד,

„מיר ברענט ווי זודיג בליי דער קאָפּ,
און גיפטיגט איטליכען געדאַנק,
און פילט מיט קללות קעגען גאָט,
און קעגען מענשען מיין פערלאַנג...

„אונז האָט מען ווייט פאָראוים געיאָגט,
און אונז פון הינטען, פונ׳ם וואַלד,
דעם מיידעל׳ס שטימע האָט דערגרייכט,
זיך ראַנגלענדיג מיט טהיער־געוואַלט...

„דאַן האָט זיך יעדער מענש־געפיהל,
וואָס האָט געשלאָגען אין מיין ברוסט
פאַרביטען אין אַ חיה׳ס וואוטה,
און הייסען האַס און ראַכע־לוסט...
דאָך שטאַרק געוועזען איז די קייט,
וואָס איז געווען אויף מיינע הענד...

„און וויעדער האָב איך זי געזעהן...
דאָך האָט זי קוים מיין אויג דערקענט...
דער פנים אַש, די אויגען בליי,
די האָאר אין קויט, און בלוט אין מויל —
נאָך שטעהט זי בולט פאַר מיין בליק
אַ בילד פון שמערץ און שרעק און גרויל...

„און ס'איז ניט אין אַפריקאַ געווען,
עס איז געווען אַ לאַנד וואו לאַנג,
פון טויזענד קירכען יעדען טאָג,
געהערט זיך האָט דער גלאָקענקלאַנג —
און מענשען האָבען יאָהר פאַר יאָהר
אין קריסטוס נאָמען זיך געקוסט,
מיט ברודערליעבע אויף דער ליפּ
און טיגער־גרויזאַמקייט אין ברוסט...“

1906

געטרוימטער זיעג

זאָל איך, וואָס ווײַן די אויגען מײַנע בלינד,
אונ זוך אומזיסט פון האָפענונג אַ שײַן,
זאָל איך דער „קול מבשר" ווערען דיר,
זאָל איך דער רופער און דער וועקער זײַן?

זאָל איך דײַן רוקען אויסגלײַכען, ווען איך
אַלײַן, פאַרצווייפעלט ליעג צונויפגעקנוילט?
זאָל איך דײַן וועג דיר ליכטיג אויסמאָלען,
ווען מיר אַלײַן דײַן דונקלע צוקונפט גרוילט?

דאָך ליעב איך דיך... און ווען איך פוץ דיך אויס,
אין העלדען־קלייד, אין העלען שלאַכט־מונדיר,
ווען כ'טהו אַ קיווער אָן דײַן זקן־קאָפּ,
און דײַנע גראָע האָאר מיט קרענץ פאַרציער,

דאַן קוועל איך פון באַוואונדערונג, מײַן ריעז,
און בייג מײַן קניע מיט אַכפערונג, און שפיר

ווי ס'פלאַמט אין מיינע אָדערען דאָס בלוט
פון לויטער שמחה, און איך גלויב אין דיר...

איך גלויב אין דיר... און איידער נאָך דו האָסט
דיין ראָסטיג שווערד פון שייד אַרויסגעבראַכט,
באַזינג איך שוין די גבורות, וואָס דו האָסט
באַוויזען כלומרשט אויפ'ן פעלד פון שלאַכט...

און טאַנץ פאָראויס מיט צימבעל און מיט פויק,
און זאָג דער וועלט דיין שמשון־יחוס אָן,
און מאַך דיך שטאָלץ, און פיהל אַליין זיך שטאָלץ,
וואָס כ'בין געוועהלט דער טרעגער פון דיין פאָהן.

דען גלויטיג ליעב איך דיך... און ליעבענדיג
מיין יאוש־וועהטאָג אין מיין ברוסט פארשטיק,
און טרייסט זיך אַז נצחונות ווירקליכע
באַשאַפען וועט מיין בלויז געטרוימטער זיעג...

1906

דור ומנהיגו

איך ווייס ניט וואו איך האָב געהערט,
דאָך ס'זומט אין מיין געהירען:
מיט יעדען דור געבאָרען ווערט,
אַ מאַן דעם דור צו פיהרען.

אַ מאַן מיט גלוטה, אַ מאַן מיט מוטה,
וואָס טראָגט דעם פיהרער'ס חתימה,
אין ליפּען־צוג און שטערען־קנייטש,
אין בליק און אין דער שטימע...

אַ פּרינץ, אַ קעניג אָהן אַ קרוין,
וואָס קען מיט פּעסטע פינגער,
אי הערשער, אי באַפרייער זיין,
אי גואל, אי באַצווינגער...

און ס׳זוכט דאָס פֿאָלק... און ס׳וואַרט דער העלד,
און וויל עס גאָט פֿאַרגינען,
דאַן וועט אין רעכטער צייט און אָרט,
דאָס פּאָאר שוין זיך געפֿינען...

און ווען דער בייזער מזל וויל,
בלייבט יענער העלד פֿאַרבאָרגען,
ווערט יענע גרויסע גואל־מאַכט,
אין דונקעלהייט דערוואָרגען...

און ס׳וואַנדערט אום דאָס פֿאָלק אָהן ליכט,
און בלאָנדזשעט אום פֿאַרשאָלטען,
און זוכט און טרעפֿט איהם קיינמאָל ניט —
דעם פֿיהרער דעם געזאָלטען...

1907

אַן אַלבום פֿאָלק

מיין פריינד פון פּאַלעסטינאַ שיקט
מיר צו אַ בוך מיט בלומען,
פון ציון׳ס פעלדער אויסגעפליקט,
פון חרמון־באַרג גענומען.

ווי האַרציג־זיס, ווי מלא חן !...
אַ פאַרבען־רעגענבויגען...
איך שמייכעל פריידיג דורך געוויין,
און נעהם ניט אָב די אויגען.

מיין פריינד, ער שרייבט מיר : „חבר מיין,
„דאָס זיינען אונזערע בליטהען,
„און קענסטו ניט אין יהודה זיין,
„די בלומען זאָלסט כאָטש היטען.

„זאָל בלאַט און קווייט מיט פרישער קראַפט,
„דיין יאוש־פּוסטקייט פילען.
„זאָל פאַרב און דופט, ווי באַלזאַם־זאַפט,
„דעם שמערץ פון צווייפעל שטילען...“

אָ חבר, כ׳ווייס, ווי קרח־רייך
מיר זיינען, גאָט צו דאַנקען,
מיר האָבען אוצרות אָהן פאַרגלייך,
פאַרפאַקט אין ספרים־שראַנקען...

מיר האָבען בלומען אָהן אַ שיעור,
די טהייערסטע, די בעסטע,
מיר האָבען קווייטען סאַמע בחיר —
אין בוך צונויפגעפּרעסטע...

מיש בלאַט פאַר בלאַט און ווער דערקוויקט,
קוק אָן ווי שען געפאָרבען...
דאָס לעבען אָבער?... ס׳איז דערשטיקט —
אַ בלומענוועלט געשטאָרבען...

אָ חבר מיין, דאָס איז דער פלוך
וואָס ליעגט אויף אונז פון יאָהרען,
מיר זיינען בלויז אַ פּאָלק פון בוך,
אַ ן אַ ל ב ו ם ־ פ אָ ל ק גע װאָרען...

1907

ציון-ליעבע

איין פיכטענבוים שטעהט איינזאַם...
ער טרוימט פון איינער פאַלמע,
די פערן אין מאָרגענלאַנד...
(היינע).

עס וואַקסט אַ בוים אין מאָרגענלאַנד,
פאַר טויזענד מיילען ווייט,
אַ צווייטער וואַקסט אין צפון־לאַנד,
אין שטילער איינזאַמקייט...

דאָך ווען דער פריהלינג־ווינד קומט אָן,
מיט שטראַהלען און מיט דופט,
דאַן טראָגען זיך פון בוים צו בוים,
גערוסען אין דער לופט...

דאַן בליהט דער בוים אין צפון־לאַנד,
אונ פיהלט דעם פעסטען באַנד,
וואָס קייט איהם צו דעם חבר־בוים,
אין וויטען מזרח־לאַנד...

פון ציון אויך, זיך טראָגט אַ הויך,
מען הערט און שפירט איהם קוים,
ער גריסט און קוסט, אין יעדע ברוסט,
אַריין אַ גאָלד'נעם טרוים...

און הערצער פיעל, וואָס זיינען שטיל,
געוועזן אַ לאַנגע צייט,
זיי בליהען אויף, זיי גליהען אויף,
מיט פרישער מוטהיגקייט...

און ס'בענקט דער איד, פון נאָרד און זיד,
און וואו ער איז צושפּרייט,
עס האַלט איהם פעסט, צום אַלטען נעסט,
אַ'ן אונזיכטבאַרע קייט...

1892

די האַאַגער קירכענגלאָקען

לכבוד דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אין האַאַג
האָבען די קירכען־גלאָקען פון דער שטאָדט
אויסגעקלונגען די „התקוה“.
(פון די צייטונגען).

אהער ווי קלאָר,
אין זיסען כאָר,
די קירכענגלאָקען קלינגען:
קלינג, קלאַנג, קלינג קלונג,
מיט קופּער־צונג
אַ אידיש פאָלקסליעד זינגען...

האָט ווען אַ טאָן אַ הייסערער
דורכגליהט די מאָרגענקעלט? —
האָט ווען אַ קלאַנג א זיסערער
פון גלאָקענמויל געטרעלט —
געהערט ווען אַזאַ פעסט־ליעד האָט
די וואָכעדיגע וועלט? —

אָ, הער ווי מילד,
עס שאַללט און שפּיעלט,
אַ ק ר י ס ט ע ן ־ גלאָק פאַר א י ד ע ן,
דין דאַן, דין דאָן,
דער טאָג קומט אָן,
פון ברידערשאַפט און פריעדען...

און ניט אין פריעדענס־קאָנפערענץ,
וואָס אין די האַאַגער האַללען —
ניט אין די שעהנע פּראַזען־בערג,
וואָס זיינען דאָרט געפאַלען —
די שלום־בשורה קלינגט און הילכט
אין י ע נ ע גלאָקען־שאַללען...

1907

פון אַ בריעף

...און ווילסטו וויסען, וואָס איך פעהלט, מיין פריינד ? —
אַ פיהרער אפשר ? — ניין, מיר שיינט,
איהר האָט שוין צופיעל קאָמאַנדירען —
נאָר ו ו ע מ ע ן, זאָג מיר, וועט איהר פיהרען
ווען קיינער וויל ניט זיין סאָלדאַט,
און יעדער גיט צום קריעג זיין ראַטה ;
ווען יעדער תלמיד קליגער איז פון רבי'ן,
און שטאַט צו פאָלגען, איבערגעבען,
און מיט זיין ראָליע זיין צופריעדען —
זוכט נייע פלענער אויסצושמידען ;
און גיט איך מוח וואו איהר דאַרפט,
אַ שטאַרקע האַנד, אַ שווערד געשאַרפט ;
און גאָרניט טהונדיג, פ ר ע ד י ג ט גלאַט,
די פ ר אָ פ אַ ג אַ נ ד אַ פ ו ן ד ע ר ט ה אַ ט ;
און האַלט זיך תמיד אין איין גרייטען,
און פּאַטשען ב ר אַ ו ו אָ צו די שלאַכט־טראָמפּייטען ;
און איידער נאָך ער געהט אין קריג,
איז יוצא מיט דער קריעגס־מוזיק...

דו זאָגסט איהר וואַקסט... אויב וואַקסען הייסט, אין צווייען
זיך שפּאַלטען, און צוטהיילען אויף פּאַרטייען,
צוליעב אַ פּינטעלע, צוליעב אַ תפל...
דער אונטערשיעד פון בולבע ביז קאַרטאָפעל,
דער חלוק צווישען שורוק און מאַלופן (מלאפום),
איז שוין גענוג צו מאַכען נייע גרופען,
מיט נייע קלייזלעך און אַ נייעם חזן,
מיט נייע זיבען־גאַרענדיגע פּראַזען,
מיט נעמען לאַנגע ווי דער גלות פון מצרים,
און מיט אַ ראשי־תבות׳ל אַ שפּאָגעל־נייעם,
מיט הונדערט־אַבאָנענטיגע אָרגאַנען,
וואָס שפּראָצען גיך און גיכער נאָך פּאַרוויאַנען,
וואו מ׳אַקערט ים, און וואו מען זעעט דעם ווינד,
און זאַמעלט גאַרבען פון פּאַפּיער און טינט...

וואָס פעהלט אייך?... ס׳פעהלט דער עיקר ברודער.
וואָס מעהרער אַרבייט און וואָס וועניגער גערודער,
וואָס וועניגער ערקלערונג פון פּרינציפּען,
וואָס מעהר די הענד, וואָס וועניגער די ליפּען.
וואָס מעהר פאַראייניגונג און בינדונג,
וואָס וועניגער פּאַרטייען־גרינדונג.
וואָס מינדער רעפעראַטען און דעבאַטען,
און טהאַטען מעהר און מעהרער רעזולטאַטען...

1907

מיין ניט בעצאָהלטער חוב

עס הענגט אויף מיין קאָפּ ווי אַ חמאַרע
דיין פינסטערער גורל, מיין אומה,
עס גלאָצען מיך אָן וואו איך קעהר זיך,
דיינ׳ אויגען, פאַרוויינטע און שטומע...

זיי זעה איך ביינאַכט אויף מיין קישען,
אין פיבער־צוריסענעם שלומער,
זיי שווימען אַרום אין דער פינסטער,
ווי שטערען פון אומגליק אַרום מיר...

און זוך איך אין לעבענס־געטומעל,
מחשבות פון נאַכט צו פאַרטויבען,
מיך בריהען און גליהען די אויגען,
און כ׳קען זיך קיין רוה ניט ערלויבען...

צי איז דאָס אַ פאָרוואורף אַ בייזער,
װאָס מוסר'ט מיין פוילע נשמה ? —
צי איז דאָס אַ שלאַכט־רוף װאָס מאָהנט מיך,
צו צאָהלען מיין פליכט פון מלחמה ?...

איך בין אַ בעל־חוב דיר אַ גרויסער,
מיין אָרעמעס פאָלק, און װאָלט גערען,
מיין גאַנצעס פאַרמעגען דיר געבען —
כ'פאַרמאָג אָבער מעהר ניט װי ט ר ע ר ע ן...

1907

אַ ליכטעל דאָ אַ ליכטעל דאָרט

(אַ חנוכה־ליעד)

און דורך דער גאַנצער גלות־וועלט,
וואו ס׳אידיש פאָלק געפינט אַ נעסט,
היינט פייערט מען מיט ליכט אָהן צאָהל,
דאָס אַלטע חשמונאים־פעסט...

עס בליצט אַ שטערען דורך דער נאַכט...
מכבי׳ס שטאָלצער העלדען־גייסט,
באַגורטעלט מיט זיין גבור־שווערד,
ארויס פון קבר זיינעם שפּרייזט...

און פון דער צוקונפט איהם באַגריסט,
אַ העלער שאַלענדער טראָמפּייט,
און ס׳שפּרינגט דאָס הערץ, דער מוח גליהט,
מיט ווילדען מוטה, מיט קעמפּפער־פרייד...

אַ גרויסעס פעסט, אַ שענעס פעסט,
אוּן ליכטלעך טויזענדער צושפּרייט —
אַ, ווען מען וואָלט פון אַלע נאָר
איין גרויסען קנויט צונויפגעדרעהט!...

איין גרויסען שטאַרקען ריעזענקנויט,
געצונדען פון איין ריעזענהאַנד,
וואָס וואַרפט זיין ליכט אויף בלויז איין וועג,
צו בלויז איין ציעל, און בלויז איין לאַנד...

דאָך ס'איז אַ ליכטעל דאָ און דאָרט,
און דאָ אַ פונק און דאָרט אַ שיין,
און יעדער זינגט זיין „מעוז צור“,
ווי איהם געפעלט, ווי איהם פאַלט איין...

אַ ליכטעל דאָ, אַ ליכטעל דאָרט,
אַ פלעמעלע אין יעדען הויז,
וואָס ברענט אַליין און צאַנקט אַליין,
און לעשט אַליין זיך לאַנגזאַם אויס...

1908

שבט ראובן און שבט גד

האחיכם יבאו למלחמה
ואתם תשבו פה? —
(במדבר לב.)

עס איז געווען אין יענע שווערע טעג,
ווען אָנגעגרייט זיך האָט דאָס וואנדער־פאָלק,
מיט פיס געשוואָלען, קראַנק און מיעד,
אַריינצוטרעטען אין דאָס לאַנד כנען,
וואו יעדער טריט או יעדער שפאַן פון ערד,
באַצוואונגען ווערען האָט געזאָלט,
מיט שווערד אין האַנד, מיט העלדען־בלוט...

דאַן פאַר דעם צעלט פון היילינגען פראָפעט,
פאַרזאַמעלט האָבען זיך די זיהן,
פון שבט ראובן און פון שבט גד,
און אויף דעם פיהרער׳ס אויער איז
געפאַלען, זייער דרינגענדעס געבעט: —

„מיט רינדער און מיט קיה באַשאָנקען האָט אונז גאָט,
„מיט אייזלען און מיט קעמלען און מיט שאָף.
„עס שפּרייט זיך אונזער סטאַדע איבער באַרג אין טהאָל,
„און פרוכפּערט זיך און מעהרט זיך וואָס אַ טאָג...
„און גרין און זאַפטיג איז דאָס גראָז,
„פון גלעד'ס און פון יעזר'ס פעטער ערד,
„וואו מיר און אונזער פיה,
„געפינען זיך אַצינד...
„לאָז אונז געניסען אונזער גליק און רוה,
„לאָז אונז אויף ד ע ר זייט ירדן זיין...
„און אָ ה ן אונז זאָל דאָס פאָלק,
„געהן אין דאָס לאַנד כנען..."

געשטאַנען ווי אַ הויכער זייל פון ליכט,
איז משה אין דעם שוואַרצען מענשען־שטראָם,
מיט צאָרען האַלב און מיט רחמנות האַלב,
געפאַלען איז זיין שטראַהלענדיגער בליק,
אויף שבט ראובן און אויף שבט גד,
און ווי אַ שופר הילכיג העל,
געוועזען איז זיין קעהל,
ווען ער געענטפערט האָט: —
„דאָס לאַנד פון גלעד איז,
„מיט לאָנקעס זאַפטיגע באַדעקט,

„און אייך האָט גאָט,
„מיט רינדער און מיט שאָף באַטהיילט...
„דאָך יענע שבטים דאָרט,
„אין צעלטען פון צוריסענעם געוואַנד —
„זיי האָבען גאָרנישט... און פאַר זיי,
„די רוח די איינציגע,
„דאָס איינציג קערענעל פון גליק,
„איז אויף דער אַנדער זייט פון ירדן־טייך...
„און הונגער־טעג און פיבער־נעכט,
„און קאַמפף און נויט און מאַטערנים,
„און וויסטע שרעק און ציטערנים,
„נאָך ליעגען צווישען זיי און יענעם לאַנד,
„וואו זייער וואַנדער־פוס וועט אָפּרוהען...
„וואו פונ׳ם רעגען און פון קעלט,
„זיי שיצען וועט אַ היימיש דאַך...

„דאָס לאַנד פון גלעד איז געבענשט,
„די ערד איז פרוכטבאַר און די לופט געווירצט,
„דאָך קיינער פון דעם שבט גד,
„און קיינער פון דעם שבט ראובן זאָל,
„געניסען פון זיין פיה די פרוכט,
„און קליידען זיך אין זיינע לעמער׳ס וואָל,
„ביז יעדער שבט האָט זיין נעסט דערגרייכט,
„ביז יעדער שטאַם געקריגען האָט זיין טהייל...

„אָ זיהן פון ראובן או פון גד,
„אייך האָט מיט רייכטהום גאָט געבענשט,
„דאָך דאָרטען וואַרט אַן אָרעם פאָלק,
„און אייער ברודערהאַנד באַדאַרף...
„און איהר זאָלט געהן מיט זיי,
„מיט זיי צוגלייך... ניין, ניט צוגלייך,
„פאָראויס פאַר אַלע זאָלט איהר געהן,
„ די פאהנע־טראגערס זאָלט איהר זיין,
„די ערשטע פיהרערס אין דאָס לאַנד כנען..."

1909

אַ מאָטטאָ

(צו דעם קאָנגרעס פון די פוע"צ אין שיקאַגאָ.)

אָהן גאַס־מוזיק, אָהן פויקענקלאַנג,
אונ אָהן געשרייען,
אָהן פּראַזען־גלוט, אָהן ווערטער־רויך,
אָהן פאהנעס־וועהען,
אָהן האָזען־מוטה, אָהן גאַלאַ־גלאַנץ,
פון פוץ־אַרמייען —

נאָר שטילערהייד, אונ מאַן צו מאַן,
אין פעסטע רייהען,
מיט גליעדער גרייט צום שווערען ווערק,
אונ פיס וואָס געהען,
מיט פינגער שטאַרק צום אַקערען,
אונ הענד צום זעען...

1909

און איצטער?

דורך קרומע וועגען בלאָנדזשענדיג,
אין פינסטערנים, אין נויט און אנגסט,
אויף אויסגעדאַרטע שולטערען,
געטראָגען האָבען זיי,
דעם ארון אין דער הויך...
און קיינער פון דער וויסטער קאַראַוואַן,
האָט ניט געשטעלט זיך און געפרעגט:
„וואָס טראָגען מיר אין ארון צוגעדעקט?
„געפינען זיך גאָט'ס לוחות דאָרט?
„צי דריקט אויף אונזער אָקסעל בלויז,
„די משא פון אַ בר־מנן?“

און קיינער האָט ניט אָפּגעדעקט,
פון ארון דאָס פרוכת־טוך,
נאָר אויג און הערץ געהאַנגען איז,
אויף דאָס געהיימע הייליגטהום,
און אויג און הערץ געטרונקען האָט,
פון איהם אַ וואונדער־קראַפט...

ביז איהר געקומען זייט...
און איהר זייט — האָט איהר קומענדיג געזאָגט —
די אָנזאָגער פון ליכט,
די שטאַרקע אָדלערס פון דער צוקונפט,
און זיי האָט איהר „די קריכ־טהיערען פון נאַכט“,
די „קנעכט פון דער פאַרגאַנגענהייט“ גערופען...
און דאַן האָט איהר דאָס פריסטערטהום,
אין אייער האַנד גענומען,
און צוגעמאַכט — געזאָגט האָט איהר —
ניט מעהר זאָל יענער ארון זיין,
ניט מעהר אַ'ן אַלטע הייליגקייט,
ניט מעהר אַ באַלזאַמירטער סוד...

און איהר — די אָנזאָגער פון ליכט —
האָט אויפגעמאַכט דעם ארון'ס דעק,
(אַזוי האָט איהר געזאָגט)
און זיי באַוויזען האָט איהר דאַן,
אַ העל־געפאַרבטע פאָהן...

אָט איז דעם ארון'ס לאַנג־פאַרהילטער שאַץ...
איצט זאָל עס אין די ווינטען פלאַטערען,
איצט זאָל עס וועהען אַלס אַ וועג־סיגנאַל
(אַזוי האָט איהר געזאָגט).

און אַלע האָבען אייער פאָהן געבענשט,
און אייך געבענשט,
און פון די הערצער איז
פאַרשוואונדען, ווי ס'פאַרשווינדט אַ גייסט,
דער סוד דער טויזענד־יאָהריגער,
דאָס בענקען און דער טרוים־גלויבען...

דען איהר געגאַנגען זייט פאַראוים,
און שטאָלץ געפאָכט האָט מיט'ן ווינד,
די פאָהן — דער וועג־וויזער...
און ווער האָט איצט זיך אויפשטעלען געקענט,
און פרעגען: טראָגען מיר אַ ב ר ־ מ נ ן,
צי ל ו ח ו ת ה י י ל י ג ע?...
עס איז געווען אַ פאָהן — אַ ו ו ע ג ־ ו ו י י ז ע ר,
קיין מת ניט און קיין היילינקייט...

און דאַן האָט עפּעס אָדער אימיצער,
אַראָפּגעריסען אייער פאָהן,
און איהר — די אָנזאָגער פון ליכט —
וואָס וועט איהר א י צ ט ע ר טהאָן?...

וואָס וועט איהר זאָגען זיי,
דער וויסטער קאַראַוואַן?
וואָס וועט איהר געבען שטאָט דעם סוד,
וואָס קיינער האָט ניט אָפּגעדעקט,
און יעדער האָט אין ברוסט געפּיהלט?...

1909

פארשיעדענע ליעדער

פון אָמאַר כאַיאַם*)

ערוואַך! די זונן וואָס לויפען האָט געמאַכט,
די שטערען־סטאַדעס פון דעם פעלד פון נאַכט,
טרייבט אויך די נאַכט פון הימעל, און שוין טרעפט
דעם סולטאַן'ס שלאָס איהר פייל פון ליכט און פראַכט...

*) אָמאַר כאַיאַם, אַסטראָנאָם, פילאָזאָף און דיכטער, איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט נעשאַפּאָר, אין לאַנד פון חאָראַסאַן, אין דער צווייטער העלפט פון 11טען יאָהרהונדערט, און איז געשטאָרבען אין אָנהויב פון 12טען יאָהרהונדערט. אַזוי ווי אונזער „קהלת'ן", אַזוי האָבען אויך איהם זיינע פיעלע קענטעניסען און זיין פילאָזאָפישע דורכ־דרינגליכקייט געבראַכט צו דעם טרויעריגען רעזולטאַט פון „הבל הבלים הכל הבל". זייענדיג אָבער מעהר דיכטער ווי פילאָזאָף, אַזוי ווי אונזער קהלת איז געווען מעהר דענקער ווי פּאָעט, געפינט ער די שעהנקייט פון לעבען אין די „חיי שעה", אין דעם פּאָעטישען גענוס פון אַנשויליכקייט, און אין פאָלקאָמענער פרייהייט און אונאַבהענגיגקייט.

דאָס בוך פון כאַיאַם (רובאַיאַט), פון וועלכע די איבערזעצטע סטראָ־פען זיינען אַרויסגענומען, איז ערשט אַריינגעבראַכט געוואָרען אין די

*   *
*

פאַרשוואונדען קוים איז מאָרגענ'ס שד־געשטאַלט,
ווען פון דעם גאַסט־הויז האָט אַ שטים געשאַלט:
„דער טעמפּעל אינוועניג איז גרייט, וואָס ווארט
„דער גאַסט פאַרשלאָפען און זיך דרויסען האַלט?"

*   *
*

און עהדער ס'האָט דער האָהן געקרעהט, אַרום
דעם הויז געשריען האָבען אַלע: „קום!
„מאַך אויף די טהיר, מיר בלייבען דאָ ניט לאַנג,
„און שיידענדיג, זיך קעהרען מיר ניט אום."

אייראָפּעאישע ליטעראַטור אין לעצטען יאָהרהונדערט, דורך דעם ענגלישען דיכטער עדוואַרד פיטצזשעראָלד, אַ פּערזענליכען פריינד פון לאָרד טעניסאָן, און איז זינט דאַמאָלס געוואָרען אַנערקענט אַלס קלאַסישעס ווערק.

מיר דאַרפען נאָך אין זינען האָבען יענעם אונטערשיעד צווישען כאַיאַם און קהלת, וואָס ערקלעהרט אין אַ געוויסען זין די אַנזיכטס־פערשיעדענהייט, נעמליך: דעם אָרימען שטאַנד, פון וועלכען דער „גע־צעלט־מאַכער" (כאַיאַם מיינט: געצעלט־מאַכער) שטאַמט און זיין ממילא־דיגע אָרימקייט, און דעם קעניג־שטאַנד פון קהלת, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון אָרימקייט און האָט לכתחלה אָנגעהויבען מיט אַ לעבען פון אַלע תענוגים.

*   *
*

ניטאָ איראַם מעהר מיט זיין רויזען־שאַץ,
פון יאַמשיד'ס צויבער־כוס ווער וויים דעם פּלאַטץ? —
דאָך פונקעלט נאָך אין וויינטרויב דער רובין,
פיעל גערטנער בליהען אויף דעם וואַסער'ס לאַטץ.

*   *
*

קום, פּיל דעם כוס, אין פלאַם פון פריהלינגס־פרייד,
פאַרברען חרטה'ס קאַלטע ווינטער־קלייד;
צייט'ס פויגעל פלאַטערט אום אַ ווייל,
און באַלד שוין איז אַוועקצופליהען גרייט.

*   *
*

אין נעשאַפּאָר, צי וויט אין בבל־לאַנד,
צי זים דער כוס, צי ביטער ביז'ן ראַנד —
דעם לעבענ'ס וויין רינט טראָפּפענס־ווייז אַרוים,
דעם לעבענ'ס בלעטער פאַלען נאָכאַנאַנד.

*   *
*

זאָגסט יעדער טאָג ברינגט רויזען גאַנצע פּעק,
וואו אָבער איז די רויז פון נעכטען? — פרעג,
און יענער תמוז וואָס ברינגט רויזען ד י ר,
נעהמט קייקאָבאַד און יאַמשיד'ן אַוועק.

*   *
*

און זאָל ער נעהמען — וואָס צו טהון האָסט דו,
מיט קייקאָבאַד צי מיט אַ קייכאָסרו.
זאָל זאָל און ראַסטום אָנמאַכען אַ רעש,
זאָל האַ'טים באַלעווען — קוק זיי ניט צו.

*   *
*

קום מיט וואו בלויז אַ שמאָלעס גרעזיל צאַמט
פאַרזעעטע פעלדער אָפּ פון מדבר־זאַמד,
וואו שקלאַף און סולטאַן ווערען ניט דערמאָנט —
און כ'בין דעם קעניג מוחל טהראָן און אַמט.

*   *
*

אַ ליעדער־בוך, אַ שאָטענבוים, דערצו
אַ לאָגעל וויין, אַ לעבעל ברויט, און דו
מיר ביי דער זייט, אין מדבר זינגענדיג —
מיין מדבר וואָלט געווען גן־עדן רוה.

*   *
*

טהייל יאָגען זיך נאָך כבוד אויף דער ערד,
טהייל נאָך גן־עדן וואָס מאַחמעד באַשערט —
דו נעהם מזומן בלויז, ניט טרוי אויף באָרג,
ניט האָרך דעם פויק וואָס פון דער ווייט זיך הערט.

* *
*

קוק אַן די רויז וואָס בליהט, זי זאָגט: איך קום
אויף דער וועלט לאַכענדיג און פול פאַרפום,
צורייס די זייד־פרענדז פון מיין בשמים־זאַק,
און וואַרף די אוצרות מיינע רונד אַרום.

* *
*

די האָפענונג וואָס הערצער ציהט מיט ג׳וואַלט
ווערט אַש — און אויב זי איז מצליח, פאַלט
ווי שנעע וואָס אויפ׳ן מדבר׳ס שטויב־געזיכט
גלאַנצט איין שטונד, צוויי, און ווערט פאַרשוואונדען באַלד.

* *
*

דאָ אין דעם אַלטען גאַסט־הויז — גיב אַ טראַכט —
וואָס זיינע טהירען זיינען טאָג און נאַכט,
איין סולטאַן נאָכ׳ן צווייטען האָט פאַרווײַלט
אַ שעה, און איז פאַרשוואונדען מיט זיין פראַכט.

* *
*

עס וואויהנט דער לייב, די שלאַנג קריכט אויף דער ערד,
וואו קעניג יאַמשיד האָט זיין כוס געלעערט,

און אויף דעם יעגער באַהראַם'ס קאָפּ טרעט אום
דער אייזעל, און — ער שלומערט אונגעשטערט.

* *
*

מיר דאַכט אָפט, אַז די שענסטע רויטסטע רויז,
אַרויסשפּראָצען פון צעזאַר'ס בלוט קען בלויז,
דעם גאָרטענ'ס שענסטע קווייט איז פון אַ קאָפּ
פול חן, אַראָפּגעפאַלען אין זיין שויס.

* *
*

דאָס ווייך־מחיה'דיגע גראָז וואָס דעקט
דעם טייך־ברעג, וואו מיר ליעגען אויסגעשטרעקט —
ניט דריק עס אָן צו שווער, ווער ווייסט
וואָס פאַר אַ שעהנע ליפּ זיין וואָרצעל לעקט? —

* *
*

אָ ליעבסטע, פיל דעם בעכער און פאַרמעק,
פון היינט, דעם עבר'ס שמערץ, דער צוקונפט'ס שרעק.
און מאָרגען — מאָרגען וועל איך אויך שוין זיין,
מיט נעכטענ'ס זיעבען טויזענד יאָהר אַוועק.

*   *
*

געליעבטע פריינד, די שענסטע בעסטע געסט,
וואָס צייט האָט פון איהר וויינשטאָק אויסגעפּרעסט,
געטרונקען האָבען איין כוס, צוויי, און דאַן
פאַרקראָכען איינציגווייז אין שטילען נעסט.

*   *
*

און מיר וואָס הוליען דאָ אויף זייער פּלאַטץ,
ווען זומער ברינגט אַ נייעם בלומענשאַץ —
מיר וועלען ליעגען אויך מיט ערד פאַרבעט,
מיר אויך — ווער וויים פאַר וועמען? — אַ מאַטראַץ.

*   *
*

אַלץ וואָס דו האָסט, פאַרנוץ עס און פאַרווענד,
בעפאָר דו ווערען וועסט אויף שטויב פאַרלענט,
אַ שטויב אויף שטויב — באַגראָבען אונטער שטויב,
אָהן וויין, אָהן ג'זאַנג, אָהן ליעדער, און — אָהן ענד.

*   *
*

פון אַלע קלוגע און פרומע וואָס באַקלערט
די ביידע וועלטען האָבען, יעדער ווערט
אַלץ נאַרישער פּראָפעט פאַרשטויסען, און
זיין וואָרט ווערט שפּאָט, זיין מויל פאַרשטיקט מיט ערד.

* *
*

ווען יונג, אַ'ן אָפּטער אורח פלעג איך זיין
ביי די געלעהרטע, און געהערט זיי, פיין
זיך פּלפּול'ענדיג — דאָך אַלע מאָל,
אַרויס בין איך דורך וואַנען כ'בין אַריין.

* *
*

דער חכמה'ס זאאט פאַרזייעט האָב איך ביי זיי,
און כ'האָב אַליין געמאַטערט זיך כדי
ס'זאָל וואַקסען, און — מיין גאַנצע תבואה איז:
איך קום ווי וואַסער און ווי ווינד פאַרגעה.

* *
*

כ'קום ווי דער טייך, געצוואונגען אויף מיין וועג,
ניט וויסענדיג „פון וואַנען", ניט דעם צוועק;
און געה צומאָל ניט וויסענדיג „וואוהין",
צי כ'וויל, צי ניט, ווי מדבר־ווינד אַוועק...

* *
*

פון דר'ערד, דורך זיבען טויערען האָב איך,
צום טהראָן סאַטורן'ס אויפגעהויבען זיך,
און קניפּ פיעל אָפּגעקניפּט אין וועג — דער קנופּ
פון מענשענ'ס גורל איז צו שטאַרק פאַר מיך.

*   *
*

דאָ איז די טהיר וואָס כ׳קען ניט עפענען
געוועז, דאָס טוך דורך וועלכען כ׳קען ניט זעהן,
  אַ קורץ גערייד פון „מיר“ און „דיר“ — און מעהר
קיין שפור איז ניט פון „דיר“ און „מיר“ געוועז.

*   *
*

דאַן צו דער ליפּ פון לעהם־כוס אַנגעשפּאַרט,
פון איהם האָב איך דעם לעבענ׳ס סוד דערוואַרט;
  און ליפּ צו ליפּ געזאָגט האָט ער: טרינק איצט,
דו קעהרסט ניט אום ווען דיך די גרוב פאַרשפּאַרט.

1906

סאַקיאַ מוני*)

(איבערזעצט פון מ ע ר ע ז ש ק אָ ו ו ס ק י.)

דורך די בערג אויף דונקלע פעלזען־וועגען,
אין אַן אָסיען־שטורעם ווילד און וויסט,
פון דער וויים געוואַנדערט האָבען בעטלער,
צו די ברעגעם וואו דער גאַנגעס פליסט.
טראַנטעס האָבען צוגעדעקט די גליעדער,
דאַר, פאַרברוינט פון ווינד, און דורכגערעגענט;
צוויי טעג ניט געזעהן קיין פריינדליך דאַך שוין,
צוויי טעג ניט קיין פייערעל באַגעגענט...

---

*) „סאַקיאַ מוני" איז איינע פון די געשטאַלטען פון בודהאַ, דעם גאָט־מענש פון די הינדוס.

פלוצלינג... דורך דעם שוואַרצען שטורעם־טאַנץ,
אויפגעשימערט האָט פּאָר זיי אַ גלאַנץ...
ס׳שטעהט אַ טעמפּעל... און די בעטלער איילען
זיך צו שיצען צווישען זיינע זיילען.
אויפגעטהורעמט דאָרטען אויף אַ טהראָן שטעהט,
סאַקיאַ מוני׳ס בילד — אַ שטיין־גיגאַנט,
אויף זיין קאָפּ אַ קרוין פון פּאָרפיר טראָגט ער,
אויף דער קרוין — אַ ריעזיגען בריליאַנט...

„ברידער — פון די בעטלער איינער רעדט —
„פינסטער איז די נאַכט און קיינער זעהט;
„ברויט און קליידער פיעל איהר ווילט אַליין,
„געבען וועט מען פאַר דעם עדעלשטיין...
„ב ו ד ה אַ דאַרף איהם נ י ט... דער הימעל־קעניג
„האָט בריליאַנטען אָהן שיעור,
„אָנגעאַכטעלט אין די קלאָרע הימלען,
„אין אַ גרויסען בעקען פון סאַפּיר...."

אַ סיגנאַל... און אין דער פינסטער שוין
גנב׳ען זיך די בעטלער צו דער קרוין...
אָבער קוים האָט, טרייסלענדיג, אַ האַנד
אָנגעריהרט דעם הייליגען דיאַמאַנט —
האָט אַ ווינד מיט בליץ און דונער־קול,
הילכענדיג אין עכאָס אָהן אַ צאָהל,

אָבגעשליידערט זיי צוריק מיט כעס...

יעדער איז געווען געלעהמט און בלאַס...

איינער אָבער פון די בעטלער שפּרייזט
שטאָלץ צו בודהאַ'ן, און ער זאָגט איהם דרייסט:
„א ו נ ר ע כ ט האָסטו, האַר פון אַלע האַרען,
„אָדער פלעגען אונז די פּריסטער נ אַ ר ע ן,
„מאָלענדיג דיין גוטסקייט און דיין ליעבע,
„וועלכע לינדערט אַלע שמערצען טריבע,
„און ווי העלער, מילדער זונענשיין,
„טרייבט פאַנאַנדער יעדער דונקלע פּיין?....

„דו זאָלסט שטראָפען פאַר אַ ד י מ ע נ ט־רויב,
„בעטלער ליעגענדיג פאַר דיר אין שטויב?...
„בליצסט און דונערסט, און דער גאַנצער רעש איז,
„אויף אַ הויפען עלענדע נפשות....
„שעם דיך, שעם דיך, הערשער פונ'ם הימעל!
„מעכטיג, גרויזאַם, קומסטו מיט געטימעל,
„אַפּנעהמען דעם קבצנ'ס דאַרען ביסען...
„וועלטען־קעניג, מעגסט דיין בליץ־פייל שיסען,
„כ'שטעה מיט שטאָלץ פאַר דיר, איך בין דיין גלייכען,
„כ'הויב מיין קאָפּ און בין ניט מעהר דיין קנעכט...
„כ'קלאָג דיך אָן פאַר אַלע הימעל־רייכען —
„וועלט־רעגיערער, דו ביזט א ו נ ג ע ר ע כ ט..."

ס'שוויגט דער בעטלער... פלוצלינג פאַר די אויגען
פון די בעטלער איז אַ נס געשעהן,
נאָהנט פון זיי איז איז איצט דער שטיין געווען....
סאַקיאַ מוני האָט זיך איינגעבויגען,
מיט דער קרוין פון פּאָרפיר, ביז דער ערד...
ע ר, דער גאָט צו וועמען אַ ל ץ געהערט,
נכנע'דיג און מילד געשטאַנען איז
אויף די קני — ד י ב ע ט ל ע ר צ ו ד י פ י ס...

1907

זאַטע פילאַנטראָפּיע

ב יזט גוט און מילד, און אָנגעפּילט
מיט מענשענליעבע ביזטו,
און שמייכלענדיג, אַוואו דו געהסט
דיין פריינדליכקייט צוגיססטו...

דיר דאַנקט די וועלט, און דאַנקט מיט רעכט,
דאָך זאָג: דיין מענשענליעבע,
צי קאָסט זי דיר אַ סך? צי קומט
זי בלויז דיר על פּי סבה?

צי וואָלסטו ליידענדיג אַ ל י י ן
די וועהטאָגען פון גיהנום,
אָן זיך פאַרגעסען און, ווי איצט,
געפרעדיגט גליק פאַר י ע נ ע ם?

צי גיסטו נאָר וואָס פון דיין כוס
דעם פולען, לויפט אַ ר י ב ע ר?
וואָס פון דיין איבער־זאַטען טיש,
ניט ווילענדיג בלייבט איבער?

און י ע נ ע, די פאַרזייערטע,
וואָס דו רופסט ע ג אָ א י ס ט ע ן,
ביי וועלכע גאַל טריפט פון דער ליפּ,
און גיפט פון בליק דעם וויסטען —

צי דענקסטו ניט אַז אין דער ברוסט
זיי ליעגט פיעלייכט, פאַרבאָרגען,
פאַרשאָטען אונטער צרות־בערג,
פון גורל'ס פויסט דערוואָרגען,

אַ ליעבע מעכטיגער ווי ד י,
וואָס שפיעלט אין דיינע מינעס,
אַ ליעבע וועלכע צאַנקט נאָך איצט
פאַרדעקט אין אַש פון שנאות?

און ווען דו וואָלסט אַ צעהנטעל נאָר,
פון זייער שמערץ געליטען,
צי וואָלט זיך ניט דיין ה אָ נ י ג־הערץ,
אין סם און גאַל פאַרביטען?...

1906

יאָהרען געהען

כ'האָב געהערט אַ שטים אַמאָל:
ערגעץ וואו איז דאָ אַ פּלאַץ,
איז אין איהם פאַראַן אַ שאַץ,
גאָלד און זילבער אָהן אַ צאָהל...

זיבען זיגלען אויפ'ן דעק,
דיק באַוועבט פון טויזענד שפּינען,
און דער אוצר ליעגט דערינען,
אָנגעבערייט פון נעכט און טעג...

וועל איך נאָר אַהינצו געהן,
וועל איך אַלע זיגלען טרעפען,
וועל איך טאָן די טיר אָן עפען,
וועט עס זיין פאַר מיר אַליין...

שמעלצען יאָהרען ווי דער שניי,
ווי דער שניי די האָר געפאַרבען,
און דעם אוצר ניט דערוואָרבען,
און איך געה און געה און געה...

שטענדיג אין חדר

א גאַנצען יובל אָפּגעלעבט
איצט ווען דיין האָאר שוין גראָ איז,
געקומען ביזטו צום בעשלום:
דו האָסט געלעבט אין טעות.

מיין פריינד, האָסט וויסען לאַנג געזאָלט,
אַזוי איז שוין דער סדר,
ווען דו זאָלסט משותלח זיין
וועסט תמיד געהן אין חדר...

און ווערסטו קליגער וואָס אַ יאָהר
און טעגליך מעהר ערפאַהרען —
דאָס לעבען ווערט פאַרשפּיצטער נאָך
און וועט דיך אייביג נאַרען...

1905

דער האָהן און די פלעדער מויז

(תלמוד'ישע פאבעל.)

אין ווינקעל פון א דאַך אין מיטען נאַכט
געשטאַנען אין אַ האָהן און האָט געוואַכט;
האָט אומגעקוקט זיך שטאַרק געשפּאַנט,
אויף אַלע זייטען נאָכאַנאַנד;
און זיפצענדיג געפרעגט (אין מאָנאָלאָג):
„ווען וועט אַמאָל שוין אָנקעמען דער טאָג?"

ערוואַרטענדיג דעם גליקליכען מאָמענט
שוין האָט ער זיינע פליגלען אָנגעגרייט,
אַרויסצופּאַטשען פאַר דער וועלט זיין פרייד,
און אַזש פון אונגעדולד געברענט...
און פון זיין גאָרגעל האָט זיך אַזש געריסען
דער אָנזאָג פון דעם מאָרגענליכט, דעם זיסען...

און פלוצלינג פון אַ בוים דערביי,
זיך הערט אַ פליגעל־קלאַפּעריי,
און צו דעם האָהן אין האַסט
געקומען איז אַ פלעדערמויז צו־גאַסט.

„איך ליעג אַזוי מיר — זאָגט דער גרויער עוף —
„און קלער און קלער און ס׳נעהמט מיך ניט קיין שלאָף;
„ווען וועט אַמאָל שוין נעהמען טאָגען? —
„קענסט דו, פריינד קו־קו־רעקו, מיר ניט זאָגען?“

„אַוועק דו שרץ“ — האָט געזאָגט דער האָהן מיט צאָרען!
און רויט פון כעס איז איהם די קאַם געוואָרען —
„וואָס געהט דער טאָג אָן ד י ר? דו מויז,
„וואָס האָט גע׳גנב׳עט פליגלען,
„אום זיך מיט זיי צו שפּיגלען,
„און שטעלט זיך כלומרשט פאַר אַ׳ן עוף אַרויס?...“

„איך וואַרט אויף טאָג וויל כ׳האָס די נאַכט,
„דאָך ד ו — דיין גאַנצע מאַכט
„איז בלויז אין שאָטען,
„דיין לעבען קען גערעאָטען,
„נאָר דאַן ווען אַלע זיינען בלינד,
„און דו קענסט טהון בסתר דיינע זינד,

„און דו אַליין מיט דיינע טייוועל־בליקען,
„קענסט זעהן דעם קרבן, וואָס דו ווילסט דערשטיקען...“

„אַוועק דו נבזה׳קייט פון מיין געזיכט!
„פון טאָג און העלען ליכט,
„ניט וואַגען זאָל גאָר ריידען
„אַ נפש, וואָס די נאַכט איז זיין גן־עדן...“

1909

וואו גלויבען העלפט ניט

וואָס העלפט דיין איבערצייגונג און דיין גלויבען,
דיין פעסטער צוטרוי אַז דו האָסט טאַלאַנט —
דיר פעהלט דער פונק — דער פונק וואָס קומט פון אויבען,
די גאָב וואָס שענקען קען בלויז געטער־האַנד.

קענסט גוט און עדעל זיין ווען דו ביזט גערען,
קענסט זיין מאַרטירער מיט אמונה'ס קראַפט,
דאָך בערג פון גלויבען וועלען ניט געבערען
אַ זאַמד טאַלאַנט — אַ טריף פון מוח־זאַפט...

1909

אין לאָב-שפּיגעל

דער עולם

איך האָב באַוויינט מיט בלוט און גאַלל,
מיין אייגען וועה, און ס'וועה פון כלל,
און קיינער פלעגט ניט הערען.
איך האָב געהערט נור איבעראַל:
וואָס טויגען זיינע טהרערען?

איצט האָב איך גלעקליך אָנגעטהאָן,
און רעד מיט קאָמעדיאַנטען־טאָן,
און פיטער זיי מיט שפּאַסען,
און זעה ווי אַלע קוועלען אָן,
נאָר איך, איך מוז זיך האַסען...

1909

אַ דור הפלגה

איך קען אַ הויז — איהר קענט עס אויך,
איהר דאַרפט עס ווייט ניט זוכען —
וואו מ'הערט ניט אויף זיך גאַנצע טעג
צו שטרייטען און ויכוח'ען.

די מאַמע קלאָגט פון פריה ביז שפּעט:
„אַז אָך און וועה איהר עלטער —
זעקס זיהן געבראַכט אויף דער וועלט, און
צום סוף אַ קדיש פעהלט איהר...“

דער טאַטע איז אַ קלוגער איד,
האַלב־משכיל און האַלב־פרומער,
ער גלויבט אין כרמל־וויין און גלויבט —
אין יין־המשומר...

דאַך קומט מען דורך שוין ווי־עס־איז,
ביז ס׳קומען זיך צוזאַמען
די בנים׳לעך, דאַן ווערט דאָס הויז
געפילט מיט רויך און פלאַמען...

דער ציוניסט באַווייזט אייך קלאָר,
ווי וואַסער פון חדקל,
אַז ציון איז פאַר אונז דאָס לאַנד,
און אונזער מאַכט — דער שקל...

דער צווייטער איז אַן איטאָאיסט,
ער שרייט : „עס איז אַ שאַנדע
צו קויפען פאַלעסטינאַ, ווען
מען שענקט אומזיסט אוגאַנדע...“

דער דריטער יעקט פון אַלע דריי,
ער איז אַ ק ל אַ ס ־ ב ע ו ו א ו ס ט ע ר,
זיין יורה־דעה איז קאַרל מאַרקס,
לאַססאַל דאָס איז זיין מוסטער...

דער פיערטער איז אַ פועל׳ניק,
ער וואָלט די דריי געשונדען :
„דער סאָציאַליזמוס“ — שרייט ער — „איז
מיט ציון דורכגעבונדען...“

דער פינפטער איז געטריי צום בונד,
ער ליארעמט: „פוילע ניקסען,
וואס אונזער פאלק באדארף אצינד
איז פולווער בלויז און ביקסען...“

און אחרון קומט דער אנארכיסט,
ער באמבארדירט די ברידער:
„מען דארף אייך“, — שרייט ער — „אלעמען
צוברעכען אלע גליעדער...“

1906

האַ-חאַ-חאַ אַ קאָנסטיטוציע!

(אַן אביסינישע מעשה)

מענעליק דער שוואַרצער נעגוס,
פון דעם ווייטען אַביסיניען,
(יענער סאַמער וואָס באַריהמט זיך
אַז ער שטאַמט פון קעניג שלמה,

וועלכער האָט אַמאָל בענאַרעשט
מיט דער שענער מלכת־שבא זיך)
איז פאַרזונקען אין אַ שווערע,
און אַ טיעפע מרה־שחורה...

אויף זיין טהראָן פון העלפאַנט־ביינער
זיצט ער פינסטער אָנגע׳ברוגז׳ט —
צעהן מעת־לעת זיך ניט באַוויזען
האָט אַ שמייכעל אויף זיין פנים...

פונפציג מאַרשאַליקעס האָבען
שוין פּרובירט די שענסטע וויצען,
מעשיות וועלכע, ווען איהר הערט זיי,
קענט איהר שטאַרבען פון געלעכטער...

אַנעקדאָטען וועלכע קענען,
אַ בית־עולם מאַכען לאַכען,
און המצאות וואָס פאַרשעמען
וואָלטען, אַלע שייקע פייפערס.

פינסטער אָבער זיינע ברעמען
האָט געקנייטשט דער שוואַרצער נעגוס,
און באַפויהלען, דרך אגב,
אַלע מאַרשאַליקעס הענגען...

און אין האַרעם זיעבען הונדערט
פעכיג־שוואַרצע יפהפיות,
זינגען טאַנצען און זיך דרעהען
צו דעם טאַקט פון האַרפּענקלאַנגען...

דאָך אומזיסט... אַרויסגעוואָרפען
איז דאָס טאַנצען און דאָס זינגען —
מאַכטלאָז איז דער האַרעם־כשוף,
קען דעם הערשער ניט צושטרייען.

און פאַרשפּרייט זיך האָט אַ וואָלקען,
אויף דער שטאָדט אַדיס־אַבאַבאַ,
צוגעדעקט אַ טרויער־חמאַרע
האָט דאָס לאַנד פון אַביסיניען.

און דעם אויבער־נעגעל־שניידער,
וועלכער איז צוגלייך געוועזען,
מענעליק׳ס געניטער יועץ,
און דער גאַנצער רעדעל־פיהרער —

איז געוואָרען גאָר ניט היימליך,
ערפּעס האָט גענומען שאָקלען
זיך דער קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס,
ווי אַן אורח ביים געזעגנען...

דען געזאָגט איהם האָט דער נעגוס:
„דריי מעת־לעת נאָך וועל איך וואַרטען,
„אויפ׳ן פיערטען — ווען איך לאַך ניט,
„מעגסטו מאַכען דיין צוואה...“

און ארויסגעשיקט שלוחים
האָט מען איבער אַלע גאַסען: —
„ווער עס מאַכט דעם קעניג לאַכען
„דער וועט קריגען אַ באַלויהנונג,

„פונפציג ווייבער פון די אינגסטע
„וואָס געפינען זיך אין האַרעם;
„אויב ער וויל ניט — וועט מען שענקען
„איהם צוויי אַלטע עלעפאַנטען...“

א י י ן טאָג געהט פאַרביי, אַ צווייטער,
דאַן אַ דריטער... שוין גענומען
זיין צוואה אויסצומאַכען
האָט דער אויבער־נעגעל־שניידער...

פלוצלינג... אויפ'ן שוועל פון פאַלאַץ
אָנגעקומען איז אַ פרעמדער: —
„פיהרט מיך תכף צו דעם גרויסען,
„מרה־שחורה'דיגען נעגוס...“

נו, וואָס מיינט איהר? קוים אַ רגע
איז פאַרגאַנגען, און שוין שטעהט ער
פאַר דעם טהראָן פון העלפאַנט־ביינער,
און ער זאָגט צום שוואַרצען נעגוס: —

„פון דער שטאָדט אַדיס־אַבאַבאַ,
„פון דעם גאַנצען אַביסיניען,
„דיך געקומען בין איך בעטען
„זאָלסט אונז געבען ק אָ נ ס ט י ט ו צ י ע...“

ס'האָט געטהאָן דער טהראָן אַ ציטער,
און אַ דונער פון געלעכטער,
האָט אַרויסגעשאָסען פּלוצלינג
פון דעם קעניגליכען גאָרגעל...

„חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!"
האָט געקלונגען דורכ'ן פּאַלאַץ;
„חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!"
האָט געלאַכט דער קריעגס-מיניסטער.

„חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!"
פון דעם האַרעם אָפּגעענטפערט,
האָבען אַלע זיעבען הונדערט
פּעכיג שווארצע יפהפיות...

„חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!"
האָט געקייכט די גאַנצע סוויטע,
און אַ יום-טוב איז געוואָרען
אין דער שטאדט אַדיס-אַבאַבאַ...

. . . .

וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען
מיט די קאָנסטיטוציע-פּלענער,
ווייס איך ניט, נאָר דאָס יא ווייס איך:
יעדען מאָרגען ווען דער נעגוס,

זעהט זיין אויבער־נעגעל־שניידער,
הויבט ער אָן משונה לאַכען,
און עס דונערט דורכ'ן פּאַלאַץ
„חאַ, חאַ, חאַ, אַ קאָנסטיטוציע!“

1906

וחלקלקות און זמזומים

(פון ניו יארקער גהעטא)

ו חלקלקות און זמזומים,
צוויי צומישטע נישטען־איסטען,
האבען תמיד זיך געהאמפערט,
און געפיהרט א קאמפף א וויסטען.

קוים נאר האט מען זיך באגעגנט,
הויבען אן זיך די דעבאטען,
און עס פליהען אין דער לופטען,
הונדערט־פודיגע ציטאטען...

פייערדיגע ארגומענטען,
שיסען פון די מויל־קאנאנען,
יעדער שאם באשטעהט ניט מינדער,
ווי פון זיבען לעקסיקאנען,

און פון שעקספּיר און קאָנפוציוס,
און פון האָמער׳ס איליאַדע,
און פון גאָרקי און פון רמב״ם,
און פון קאַרל מאַרקס — אודאי.

אַז מען שוינט זיך ניט חלילה,
קענט איהר דאָך פאַרשטעהן ממילא,
אָט כדומה איז אַ ביישפּיעל
וואָס מען רופט זיך: לומפּ, נבלה,

דראָנג, דובינע, איגנאָראַמוס,
שאַרלאַטאַן, אומזיסטער עסער,
גנב, שורקע און פאַררעטהער,
אָדער פּשוט — מענשענפרעסער.

אָבער העפליך זיינען ביידע,
ווי פּאַר „דזשענטעלמען" געהעריג;
וחלקלקות זאָגט: „איך בעט דיך,
„פריינד זמזומים, ווער אַזש נהרג..."

און זמזומים ענטפערט פריינדליך:
„ס׳איז דער וואונש פון מיין נשמה,
„אַז, מיין זיסער וחלקלקות,
„דו זאָלסט געהן אין דער אדמה..."

ווייטער געהט עס ניט חלילה,
כאָטש מען רייסט זיך ווי די העהנער,
דען זמזומים — וחלקלקות,
זיינען ביידע עהרען־מענער.

1907

דער שקל-איד

(אַ טיפּ פון דער פּראָווינץ)

עס וואַקסען פרוכטען אַלערהאַנד
אין גרויסען גלות־גארטען,
איהר קענט אין אונזער יענקי־לאַנד
געפינען אַלע סאָרטען...

דאָך ערשט ניט לאַנג האָט אויסגעבליהט
אויף אונזער ערד דער פרייער,
אַ מין, וואָס רופט זיך „שקל־איד" —
אַ טיפּ אַ שפּאָגעל־נייער...

עס קומט צו איהם אַ ציוניסט
און זאָגט איהם: „מיסטער זעקעל,
„מיר האָבען אייך אויף אונזער ליסט
„פון די וואָס גיבען שקל.

„דער ציוניזמוס וואַקסט פון שעה,
„עס ווערט געאַרבייט פלייסיג,
„אין אונזער חברה זיינען דאָ
„חוץ אייך שוין צוויי און דרייסיג...

„דער ענטהוזיאַזמוס שטייגט און שטייגט,
„איהר קענט עס לייכט באַמערקען,
„דער ישוב ווערט אַלץ מעהר פאַרצווייגט,
„און דאַן די יונגע טערקען...

און“... אבער מיסטער זעקעל לאָזט
אַ וואָרט ניט רעדען מעהר איהם:
„איהר ווילט אַ שקל? זאָגט עס פראָסט.
„וואָס דרעהט איהר די געדערים?

„וואָס טויגען מיר די גאַנצע רייד?
„איך גיב און שענק אויף אַ ל ע ס...
„אָט איז אַ דאָלאַר, נעהמט און געהט,
„לאָז דאַכטען ס'איז פאַר כלות,

„וואָס דאַרפען האָבען אויף נדן...
„לאָז דאַכטען אויף אַ קירכע...
„דאָרט גיב איך אויך... מיין ליעבער מאַן,
„נאָר דולט ניט — שפּאָרט די טרחה...“

1909

אַ הימלישער איינפאַל

װאָס איך דערצעהל דאָ איז געשעהן
שוין לאַנג צוריק (איך וויים ניט ווען),
אויף איינעם פון די הימלען אויבען.
איך בין דערביי, נאַטירליך ניט געוועזן,
נאָר כ'האָב עס אויף דעם „הן“
פון איינעם וואָס מען מעג איהם גלויבען.

איהר ווייסט דאָך (אויב איהר ווייסט ניט דאַרפט איהר וויסען)
אַז ערגעץ אויף אַ שטערען אַ געוויסען,
איז דאָ אַן אָרט וואו יעדען טאָג,
פון פריה ביז שפּעט,
געמאַכט טאַנדעט
נשמות ווערען אויפ'ן שאָק...

מלאכים מיט פאַרשוויצטע פליגלען,
זיך מיהען פלייסיג, און פאַרזיגלען
פּאַקעטען נאָכאַנאַנד,
און שיקען אָפּ אין יעדעם לאַנד,
באַשטעלונגען וואָס קומען אָן,
פון בורא ברוך הוא'ס טעלעפאָן...

דער עקספעדיטער, פען אין האַנד
(אַ פלינקער מלאך און אַ בראַנד),
געהט אום און זעהט,
אַז איטליכער פּאַקעט,
זאָל ווערען ריכטיג אַדרעסירט,
און וואָס צום שנעלסטען טראַנספּאָרטירט.

און אונטערדעסען, ווי איהר קענט
זיך דענקען, שטאַרבט מען איטליכען מאָמענט,
און פּעק נשמות, יעדען אויגענבליק,
אין הימעל קומען אָן צוריק,
פאַרקריפּעלט, אַלט און אָפּגעניצט,
מיט פלעקען אַלערליי באַשפּריצט,
און מאַט און אָפּגעבליאַקט.

געברויכען די נשמות פון דאָס ניי,
גענוען וואָלט אַ באַטריגעריי,

אַ זינד אַקעגען אדם'ס קינדער,
און קעגען עהרליכקייט די מינדער;
דעריבער ווערען זיי פּאַרפּאַקט,
אין גרויסע קאַסטענס ערגעץ אין אַ הויז,
און זאַמלען זיך יאָהר איין יאָהר אויס.

דאָך ענדליך איז געקומען דער טערמין,
ווען אין דעם גרוסען מאַגאַזין,
איז מעהר קיין פּלאַטץ ניט כאָטש צורייס זיך,
און אונטערדעסען הונדערטווייז זיך
די אויסגעבראַקטע סחורות מעהרען,
און ס'איז פון זיי ניט לויז צו ווערען...

און פּלוצלינג אין דעם הימעל אין דעם בלאָען,
באַוויזען האָט זיך מיט אַמאָל אַ גאון,
א מלאך אַ זשעני,
וואָס האָט אָהן מיה,
ענטדעקט אַ פּלאַן אַ פּראָסטען,
דאָס אַלט-וואַרג זאָל ניט דאַרפען ראָסטען:

„ס'איז טאַקע אמת" — האָט גע'טענה'ט ער —
„עס וואָלט געוועזען זעהר שווער,

„צו קריגען איינעם וואָס זאָל וועלען,
„מיט אַלטוואַרג זיך צופריעדענשטעלען,
„ווען ער קען קריגען עפּעס גוטעם.
„דאָך הערט וואָס איך זאָג, און איהר טהוט עס:
„טהוט קיינעם ניט קיין עולה און קיין רעה,
„נאָר פּשוט מאַכט זיי אַ'ן השואה.
„שטאַט איינע און אַ נייע גיט זיי אַלטע צוויי,
„צי דריי, צי פיער, איהר דינגט זיך ניט מיט זיי...
„איהר האָט געננוג און זייט אים שטאַנד,
„צו טהיילען מיט דער פולער האַנד..."

דעם מלאך'ס עצה איז געפעלען:
זינט דאַמאָלס ווערען יענע זעעלען,
פאַרצוקערט ווי אַ זיסער ביסען,
און שטאַט בלויז איינע שפּאָגעל נייע,
האָט יעדער מענש צו צוויי צו דריי
נשמות — האַלב־צוריסען...

1909

פון מעפיסטאָפעל׳ס ליעדער-בוך

מיט דער צייט זיך בייט דער פויגעל,
מיט די שכירות די חזנות,
מיט די ווינטען און דעם וועטער,
דרעהען זיך די וועטער־פאָהנעס.

און דער עיקר איז צו פיהרען,
וואו און ווי? דאָס איז ניט וויכטיג;
וואו די סטאַדע געהט, דאָרט פיהר זי,
און דיין וועג איז תמיד ריכטיג...

לאָז זיי מיינען אַז דו פרעדיגסט,
אין־דער־אמת זאָלסטו הערען,
שרייב בלויז דאָס וואָס זיי געלוסט זיך,
רוף דאָס אבער אָן באַלעהרען...

האָט דער ים־סוף זיך געשפּאָלטען,
און דו ביזט געווען אַן ע ד ו ת —
שנעל טרומפּייטער אַז דאָס וואונדער
בלויז געשעהן דורך דיינע רייד איז...

בלויז ווען ס'טאָגט שוין אָהן אַ ספק,
דאַן ערשט זאָלסטו נעהמען קרעהען,
און דערהויפּט וואו פ ו ל די וואָגשאָל,
דאָרט זיך זאָל דאָס צ י נ ג ע ל דרעהען...

1909

אייזעליזם

(נאָך דעם רוסישען)

ערגעץ ביי א שטראָם,
אַן אייזעל האָט מען אויפ'ן פּראָם
געשלעפּט מיט שטריק,
נאָר ווי באַקאַנט פון אייביג אָן, איז
הערר אייזעלזאָהן אַן עלוי אין עקשנות:
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וועג,
און וויל ניט געהן פון פלעק,
כאָטש ניט אַהין און ניט צוריק...

נאַטירליך האָט מען ניט געשוינט דעם בחור,
און ניט געזשאַלעוועט קיין כבוד,
מען האָט געפּאַסעוועט דעם א...
געשלעפּט געריסען די טשופּרינעס,
און שיער דער'ממית'ט מיט דובינעס,
נאָר ס'איז געוועזען אַלץ לאבוד,

דער סוחר שטעהט מיט וואונדען אויפ'ן פעל,
און וויל ניט ריהרען זיך פון שטעל.

דאָן איז אַ מאַן,
געפאַלען אויף אַ פּלאַן: —
„איהר נעהמט אַקאָרשט דעם תכשיט פאַר'ן עק,
„און שלעפּט איהם כלומרשט פונ'ם פראם אַוועג,
„און איהר וועט זעהן,
„וואָס ס'וועט געשעהן."

געזאָגט, געטהאָן,
און קוים האָט אייזעלזאָהן,
אין הינטערטהייל דערפיהלט,
אַז אימיצען זיך ווילט,
איהם ציהען אויף צוריק,
געגעבען האָט ער שנעל אַ בריק,
און אויפ'ן פראם אַרויף מיט זיעג...

1908

דער באָק און דער פערד

(איבערזעצט פון שפּאַניש)

א באָק געשטאַנען איז אַ מאָל,
און צוגעהאָרכט זיך צו דעם זיסען קול,
וואָס פון אַ פידעל האָט אַרויסגעקלונגען.
פון תענוג האָט ער אַזש געשפּרונגען,
און צו אַ פערד, וואָס אויך ענטציקט
האָט מיט די טענער זיך געקוויקט
אַזוי מיט שטאָלץ זיך האָט דער באָק געווענדט:

„נו, ווי געפעלט דיר, סוס, דער אינסטרומענט?
טאָ וויים־זשע, ברודער, אַז די סטרונע־שטריק,
דאָס זיינען די געדערים פון דער ציג
וואָס איז געוועזען מיינע אַ פריינדין;

און איך אַליין, אַט ווי דו זעהסט מיך, בין
בטוח אויך, אַז פון די קישקעס מיינע,
(נאַטירליך נאָך מיין פטירה)
אַרויסגעהן וועט אַ מעלאָדי אַ פיינע,
וואָס וועט אַריבערשטייגען איהרע."

זיך אומגעדרעהט דער פערד האָט און געזאָגט:
„די סטרונעס וואָלטען ניט פאַרמאָגט,
די קראַפט אַרויסצוגעבען
אַ טאָן אַן איינציגען, אין לעבען,
ווען ניט דער סמיק וואָס שפּיעלט אויף זיי,
געמאַכט פון האָאר, וואָס איך
געלאָזען רייסען האָב פון זיך,
מיט שמערצען און יסורים אַלערליי.
איצט שטעה איך און שטאָלציר,
דען אַ דאַנק בלויז מיר,
אַ דאַנק מיין חלק וואָס איך האָב אין סמיק,
געניסט די וועלט די פּראַכטפאָלע מוזיק.
דאָך דו מיין פריינד, לעת־עתה,
ביזטו בלויז אַ באָק מיט באָבקעס,
מיט ציגענע און ווילדע האָפּקעס,
דאָס הייסט זיי מוחל, ביזט אַ שמאַטע,
און מוזט ערשט (לויט ווי דו זאָגסט) צומאַכען די אויגען,
בעפאָר דו וועסט צו עפּעס טויגען."

איך קען אַזעלכע מענשען אַקוראַט,
בעזאָנדערס אַ געוויסען ליטעראַט,
וואָס שרייט אַז זיין טאַלענט,
וואָס ווערט ניט אַנערקענט,
וועט קריעגען ערשט זיין לויהן,
ווען ער אַליין וועט זיין געשטאָרבען שוין.

1909

פּראָזאַ

ווי האָט ער עס געמיינט?

פאַרגליווערט אין דער שטילער תמוז־נאַכט איז געווען די לאַנדשאַפט.

פאַרשלאָסען האָט זיך הינטער טהיר און טהויער דער וועלט׳ס נשמה און האָט געבענקט ביחידות...

און אַרויסגעריסען האָט זיך דורך אַ שפּעלטעלע ווען־ניט־ווען אַ נצוץ פון יענע סוד־חלומות, און אָנגעזעפּטיגט די שטומע לופט מיט רייכע ריחות...

אויפ׳ן דעק פון דער סאַזעווקע האָבען זיך די זשאַבעס פאַררוקט, איינע צו דער צווייטער זיך גערריקט: —

„איצט טאָר מען ניט קוואַקען!"...

די גרילען האָבען מיט פאַרהאַלטענעם אָטהעם פון זייער בלאַט־באַהעלטענים, געוואונקען צו די פייער־פליגען זיי זאָלען אויפהערען אומשפּרינגען...

דען עס איז געווען דער מאָמענט פון טיעפען שווייגען ווען די אונענדליכקייט באַפרוכפּערט זיך אליין...

אָבער אויבען נאָהענט פון סאַמע מיטען הימעל, האָט חוצפה׳דיג אַראָפּגעקוקט א גרויסע, רונדע, ווייסע פעטע לבנה...

און גערופען האָט זי צו זיך: —

„קוקט מיך אָן, ווי שעהן און רונד איך בין!“...

און קאָקעטיש גערייצט האָט זי מיט איהר בליאסקע־דיגען שטראהלען־פּאָכער דאָ א קוסט, דאָ א בוים־שפּיץ:

— „קוקט אויף מיך! וואָס חלום׳ט איהר?...“

און אביסעל אָפּגערוקט פון דעם רונדען שרייענדיגען געזיכט האָט געבליצט דער דימענט־פּונקט פון א גרויסען ווייטען שטערען אָרום וועלכען עס דרעהען זיך ערגעץ אין דעם הימעל׳ס מרחקים, א הונדערט זונען־סיסטעמען...

עניות׳דיג האָט ער געקוקט, קוים באַמערקען האָט מען איהם געקענט...

און ער, דאַכט זיך, האָט אויך געזאָגט: —

„וואָס חלום׳ט איהר? קוקט זי אָן די גרויסע פעטע רונדע לבנה!...“

ווי האָט ער עס געמיינט?...

1909

אַלי האַסאַן

(אַן אָריענטאַלישע מעשה).

ווען אַלי האַסאַן איז אַלט געווען 30 יאָהר האָט ער גע־וואוסט אויסוועניג יעדע „סורא“ פון דעם הייליגען קאָראַן און אַלע קלוגע און טיעפזיניגע קאָמענטאַרען וועלכע זיינען אויפגעוואַקסען אַזוי ווי אַ געדיכטער וואַלד אַרום דעם נביא׳ס בוך אין דעם פערלויף פון יאָהרהונ־דערטען.

די פאַרוויקעלטסטע רעליגיעזע פראַגען פלעגט ער קענען ענטשיידען... און זיין מח איז געווען דער נעסט פון חכמה.

אָבער דורשטיג איז געווען דער גייסט פון אַלי האַסאַן, אַזוי ווי די ברעגעס פון ניל איידער דאָס וואַסער קומט זיי צו באַטרינקען, און זיין נשמה האָט געלעכצט נאָך קענטניס ווי די זאַמדען פון זאַהאַראַ לעכצען נאָך רעגען.

דען אַלי־האַסאַן האָט צו זיך געזאָגט: דער הייליגער קאָראַן מיט די הייליגע קאָמענטאַרען לערנען מיך וואָס

איך זאָל טהאָן און וואָס איך זאָל ניט טהאָן, קלאָר און דייטליך זאָגען זיי ווי איך זאָל זיך פיהרען אין לעבען, אָבער וואָס איז דאָס לעבען ?...

דאָס געהיימנים פון לעבען האָט ער פארשטעהן געוואָלט.

דאַן איז אָלי - האַסאַן אין אַ ווייטען מדבר אוועק און מיט דעם זעלבען חשק מיט וועלכען ער האָט אַמאָל געֿחזר'ט די הייליגע שריפטען און די ווערטער פון די געלעהרטע האָט ער איצט זיך באַמיהט זיי צו פארגעסען.

דען ער האָט געזאָגט: דער נביא וואָס האָט דעם קאָראַן פערפאַסט האָט פאר זיך קיין בוך ניט געהאַט. און וואו האָט ער זיין חכמה גענומען ? וואו איז דער קוואל פון וועלכען ער האָט געשעפט ?

און דעם דאָזיגען קוואל האָט האַסאַן געזוכט ווידער צו געפינען, און ער האָט געשפירט אַזוי ווי פריהער־שפעטער וועט זיין מח ווערט זיין אָפּגערייניגט פון אַלץ וואָס פרעמדע האָבען דאָרט אַריינגעטהאָן, וועט זיך ערגעץ־וואו פון דער טיעפענים אויפעפענען אַ ברונען און עס וועט אַרויסשפרינגען אַ לויטערע, אַ קלאָרער שטראָם ; און דאָס וועט זיין די אמת'ע חכמה...

יאָהרען און יאָהרען האָט ער אין זיין אָפּגעזונדערט־קייט פארבראַכט, קיין זאַך האָט ער ניט געזעהן, און קיין

זאך האָט ער ניט געהערט. בלויז געוואַרט און זיך איינגע־האָרכט צו די געהיימניסען פון זיין אייגענער נשמה...

דען ער האָט איצט געהאַט אַ'ן אייגענע נשמה, ניט די נשמה פון קאָראַן און ניט די נשמה פון די געלעהרטע. אַ פרייע און אייגענע איז זי געווען און געטראַכט האָט זי, אַזוי ווי עס וועהט דער ווינד, ווי עס זינגט דער פויגעל...

אָבער די אַלטע פראַגע איז ניט פאַרענטפערט געוואָרען.

וואָס איז דאָס לעבען?...

און איין פריהמאָרגען, ווען אַלי־האַסאַן איז אויפגע־שטאַנען פון אַ'ן אומרוהיגען, שלאָפלאָזען געלעגער, האָט ער צו זיך אַזוי געזאָגט:

דער וואָס וויל אויסלערנען גראָזען און קרייטעכצער, דער וועט ניט געהן אין אַ זאַמדיג לאַנד, און דער וואָס וויל אויספאָרשען די שטראָמען וועט ניט געהן אין אַ'ן אויסגעטריקענטע וויסטעניי, און ווי וויל איך דאָס לעבען אויספאָרשען, זיך וואַלגערענדיג אין אַ פאַרוויסטען אָרט, וואו דער איינציגער צייכען פון לעבען זיינען די שטומע שטערען אויפ'ן הימעל, און די הייסע שטראַהלען פון דער זונן?...

און אַלי - האַסאַן האָט פאַרלאָזען זיין נזיר־ביידעל, און איז אַרויס פון דעם מדבר און איז אַוועק אין דעם

שעהנעם דופטיגען טהאָל פון קאשמיר, אין דעם לאַנד פון רויזען און ציפּרעסען און זילבערנע פלוסען.

רייך איז געוועזן דאָס לעבען אַרום איהם, און ער האָט עס דורשטיג אײַנגעזויגען, אָבער איינמאָל ווען ער איז געלעגען נעבען אַ קליינעם וועלדעל און צוגעהערט דעם זומען פון די קליינע פליגעלעך שפּרינגענדיג פון בלאַט צו בלאַט, האָט ער צו זיך געזאָגט :

מעהר קאָכיג און מעהר רייך ווי דאָס לעבען פון די שעהנע טהאָלען איז דאָס לעבען פון מענשען, און אויב איך וויל דאָס לעבען פערשטעהן, מוז איך געהן וואו מענשען זיינען, וואו הונדערט טויזענדער מענשען שטויסען זיך איינער אָן צווייטען...

און צו דער גרויסער שטאָדט אַל־קאַטאַבאַ איז ער אַוועק, דאָרט וואו די קעמלען ברענגען די וואַנדערער און די קויפלייט פון כאָראַסאַן און פון אינדיען, און פון אַראַביען, וואו די גאַסען שטראָמען מיט מענשען־מאַסען.

— דאָ — האָט ער געזאָגט — וועל איך דעם סוד פון לעבען דערגעהן.

און צו דעם „טויער פון האָכצייטען“ איז ער אַוועק. און פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין אָבענד איז ער געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי איין פּאָאַר חתן־כלה נאָך דעם צווייטען געהט דורך באַגלייט פון לוסטיגע אויסגעפּוצטע פריינד און באַקאַנטע. צימבלען און גיטאַרען האָבען ניט

אויפגעהערט צו שפּיעלען. פרעהליכקייט און געלעכטער האָבען געשאַלט פון אַלע זייטען. און פּלוצלינג איז אַ וועל פון פרעהליכקייט אַריבער איבער זיין נזיר־זעעל, און ווען ער איז שפּעט ביי נאַכט געגאַנגען צו זיין נאַכטלעגער, האָבען זיך זיינע פיס אַזוי ווי טאַנצענדיג געהויבען און זיינע אויגען האָבען געגליהט, און זיינע באַקען האָבען געפלאַמט, און איהם האָט זיך געדאַכט ווי דער אויסגעשטערענטער הימעל איבער זיין קאָפּ איז איין גרויסע חופּה, און צימבלען און גיטאַרען און פּויקען הערען ניט אויף צו שפּיעלען אַ לוסטיגען מאַרש.

און אַזוי ווי אַ שוואַרצער פאָרהאַנג האָט זיך ערגעץ אויפגעהויבען, און אַ העלע ליכטיגקייט האָט זיך איבער איהם און איבער אַלץ צוגאָסען. און אַלע חידות זיינען געלייזט געוואָרען, און דער אַלטער סוד איז געווען אַנטפּלעקט.

— דאָס לעבען איז פרעהליכקייט — האָט האַסאַן צו זיך גע׳חזרט.

אָבער אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער זיך באַדענקט און איז אַוועק צו דעם טויער פון די „מצורעים“, וואו די קרעציגע פּלעגען קומען קריגען זייער שפּייז פון די וועכטער פון דער שטאָדט. שטונדענלאַנג איז ער געשטאַנען און געזעהן ווי די האַלב־נאַקעטע, פון זונן צוברענטע, און פאַרהונגערטע קראַנקע זיינען אָנגעקומען און

אוועקגעגאנגען, טיעף אין זייערע פארצווייפעלטע אויגען האָט ער זיך אריינגעקוקט, דאָס קרעכצען און דאָס געיאָמער האָט זיך ווי וויטריאָל אין זיין אויער איינגעגעסען. און ווען ער איז שפּעט אין אבענד אהיים געגאנגען, זיינען זיינע ליפּען געווען צוזאמענגעדריקט, און אין זיין ברוסט איז געלעגען אַ שווארצער שמערץ. אָבער אַ גרויסע ביז־העֶר ניט געפיהלטע קראַפט איז פון ערגעץ אין זיין הערצען ארויסגעקוואָלען, און שטאַרק האָט ער זיך געפיהלט... זיך ראַנגלענדיג מיט זיין וועהטאָג און מיט זיין פאַרצווייפלונג האָט ער זיין גבורה דערשפּירט, און זיין קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען — ניט פון פרייד און ניט פון שטאָלץ, נאָר פון גבורה... די גבורה פון וועהטאָג...

און אַ פראָסטיג ליכט איז געפאַלען אויף זיינע מחשבות. דאָרט איז מעהר קיין צווייפעל און קיין אונוויסענהייט ניט געוועזען.

— דאָס לעבען איז ליידען — האָט האסאן אין דער נאכט ארויסגערעדט.

אָבער אויף מאָרגען באַגינען איז ער אוועק צו דעם „טויער פון די קויפלייט". דאָרט האָט עס גערוישט און געקאָכט פון טויזענדער מענשען וועלכע זיינען פון אַלע טהיילען פון דער וועלט געקומען דאָ זייערע סחורות אויסצובייטען. די פיינסטע זייד־געוועבען פון קאשמיר, די שעהן־געשטיקטע טעפּיכען פון פערזיען, די קונציג

אויסגעדרעקסעלטע עלפען־ביין ארבייטען פון יאפאן האט ער דארט געזעהן, און האט פון זיי ניט געקענט אראפ־רייסען זיינע אויגען.

— ווי רייצענד־ ליעב דער מענשליכער גייסט אנט־פלעקט זיך אין זייד און אין עלפען־ביין! און ווי דער מענשליכער שכל און מענשליכע אונטערנעהמונג ברינגען די אלע מענשען־מאסען צוזאמען, אום אויסצוטוישען זייערע ארבייטען, אום איין לעבען זאל פון דעם צווייטען רייכער און שענער ווערען! — אזוי האט האסאן צו זיך געערדט.

און ווען ער האט זיך אהיים אומגעקעהרט אין שפעטען אבענד, האט זיך א זיסע רוהיגקייט אויסגעבעט אויף זיין גייסט, און ער האט געזאגט:

— דאס לעבען איז אויפטהון, און דעם לעבען'ס שעהנסטע בלום איז די קונסט.

אבער אויף מארגען פריה איז ער צו דעם „טויער פון די מתים" ארויסגעגאנגען, און א גאנצען טאג האט ער צוגעזעהן ווי מען טראגט איין טויטען נאך'ן צווייטען, און ווי עס הערט ניט אויף זיך צו ציהען די רייהע פון תמיד־נייע אבלים.

און א צובראכענער, א קראנקער איז ער ביי נאכט צו זיין רוה געגאנגען. אבער קיין סוד איז שוין מעהר פאר איהם ניט געווען און ער האט געטראכט:

— אַלע שטראָמען פון לעבען ציהען זיך אוז פאַלען אַריין אין דעם אוקינוס פון טויט. און וואָס קרומער און וואָס לענגער דער וועג אַלס ערגער, און וואָס גלייכער און וואָס קירצער דער וועג אַלץ בעסער...

פריה באַגינען איז אַלי - האסאַן אויפגעשטאַנען און איז אַרויס ווייט פון דער שטאָדט... דאָרט האָט ער מיט די אויגען פון גייסט ווידער געזעהן דאָס וואָס ער האָט אין די לעצטע פיער טעג, געזעהן מיט אויגען פון פלייש — און זיין אַלטע אומרוה איז צוריקגעקומען.

פון בילד צו בילד האָט זיין נשמה געוואַנדערט, און קיינם האָט זי ניט געזעטיגט... און די בילדער זיינען געווען אַזוי אויסגעשטעלט אַז קוקענדיג אויף איינעם האָט זי דאָס אַנדערע ניט געזעהן, און געוואוסט האָט זי אַז קיינס פון זיי איז ניט פאַלקאָמען, און אַז אַלע צוזאַמען מוז זי זעהן אום צו פאַרשטעהן...

און אַלי - האסאַן האָט דעם קאָפּ אַרונטערגעבויגען צווישען זיינע קניע און איז אָפּגעזעסען זיבען טעג און זיבען נעכט און האָט געוויינט:

— וועל איך ווען־ס'איז די אַלע בילדער צוזאַמען זעהן אום צו פאַרשטעהן דעם גאַנצען, דעם פולען סוד פון לעבען? —

אין איין שטילע נאַכט האָט זיך אַזוי ווי אַ ווייכע האַנד אַרונטערגעלאָזען און האָט איהם אוועקגעטראָגען הויך,

הויך איבער די וואָלקענס און דאַן האָט ער דערשפּירט ווי זיין אויג זעהט אין אַלע ווייטקייטען, און אין אַלע ריכטונגען אויף איין מאָל.

און ערגעץ אַ שטימע האָט געזאָגט: —

„קוק און זעה אַלץ אויף אַמאָל.“

און אַלץ אויף איין מאָל האָט ער געזעהן... דעם שמערץ פון די מצורעים און דעם טאַנץ פון די גליקליכע, דאָס האַנדלען און דינגען פון די קויפליים, די ענטציקונג פון די קינסטלער און קונסט־קענער, און דעם טרויער און דעם יאוש פון די אבלים...

און אַלצדינג צוזאַמען האָט זיך אויסגעמישט און איז געוואָרען איין גרויסע פּוסטקייט...

און דאַן האָט אַלי־האַסאַן אויפגעהערט צו זעהן אויף אייביג. דער טויט־פראָסט איז ארום זיין הארצען געלעגען.

1909

ווי מען קוקט

עס איז געווען בין השמשות...

דער שענער, שטילער, בשמים׳דיגער זומער־אבענד האָט זיך לאַנגזאַם ארונטערגעלאָזען אויף די פעלדער און די לאָנקעס... גראָזען און ביימען האָבען זיך קוים, קוים געהאָידעט, מיט דער האַלב־שלומערדיגער, האַלב־וואַכעדי־גער באַוועגונג פון פאַרשלאָפענע קינדער־ליפען... די לופט איז געוואָרען אַלץ גראָער און ווייכער און צערטליכער. דער מזרח־הימעל איז געוואָרען טונקעלער און בלאָער, און אין מערב, האָט אַ גאַנצער וואָלקען־אָרקעסטער זיך פאַנאַנ־דערגעשפּיעלט, אין אַ ווילדער פאַרבען־סימפאָניע פון גאָלדען־ געל, פייער־ העל, פורפור־ רויט און גרינליך־ נעבעלדיג...

זאַלבע־צווייט האָבען זיי שפּאַצירט אויף אַ שמאָלען שטעגעל, איינגעצאַהמט פוןביידע זייטען מיט הויכע קאָרן־ זאַנגען וואָס האָבען, זיך וויגענדיג, איינער דעם צווייטען געקוקט „גוט - נאַכט“...

און איינער פון די צוויי האָט געזאָגט:

„זעה ווי עס גלאַנצט און גליהט, און שימערט און „שעמערירט, דאָס הימעל־בעט פון דער ליכט־מלכה, דער „זונן... די קיסענס זיינען פון גאָלד־סאַמעט ארומגעזוימט „מיט פורפורנעם בראָקאַט... די פאָרהאַנגען זיינען פון „גרינעם אַטלאַס ארומגעקניפּט מיט אָראַנזש־פרענז, און „קופּער־פאַרביג איז דער צודעק פון איהר נאַכטלעגער...

„ווי שעהן דאָרט איז אַוואו די געטין שלומערט..."

דער צווייטער האָט אַ קוק געטהאָן צום מערב און געזאָגט:

„קענטיג, מאָרגען וועט זיין אַ שטורעם..."

1906

צוריק אין טהאָל

האָט זיך אויף די בערג האָט ער זיין וואויהנונג געמאכט, ווייט פון די נידריגע טהאָל־ברואים האָט ער לעבען געוואָלט....

צו וואָס האָט ער ז י י באדאַרפט? וואָס האָבען ז י י איהם געבען געקענט?

אַ גאַנצע גרויסע וועלט האָט ער אין זיין ברוסט געטראָגען און נעבעל־קנוילען פון נאָך ניט באשאַפענע וועלטען האָבען זיך געראַנגעלט און געדרענגט אין זיין מוח, און איהם מיט פרייד און לעבען אָנגעפילט... מיט דער פרייד פון אונענדליכקייט, מיט דעם לעבען וואָס האָט ניט קיין סוף...

אין זיך האָט ער די פאַרגאַנגענהייט געטראָגען, בולט און ליכטיג איז פאַר איהם די צוקונפט געוועזען... זיינע געדאַנקען זיינען געווען שלייפען שענע וואָס האָבען צוקונפט מיט פאַרגאַנגענהייט האַרמאָניש געקניפּט....

א פונקעלדינגער, שפריצענדער ניאגארא פון שטראהל־שטראָמען איז ער געוועזען....

און אַרום האָבען קליינע באשעפעניסען געפּויזעט. א ל י י ן צווישען זיי איז ער געגאַנגען — **א ריעז** צווישען מוראשקעס...

וואָס האָט ער מיט זיי צו טהאָן געהאַט?...

אָבער אַרום האָט געשוויבעלט און געגריבעלט, און זיין בליק איז אויף דעם ה ו י פ ע ן פון די מוראשקעס געפאַלען... און די מיליאָנען־מ א ס ע פון די קליינצינקע ברואים׳לעך האָט זיך איהם ווי איין גרויסע באשעפענים אויסגעוויזען...

און זי האָט שוין געקענט מיט זיין גרויסקייט זיך מעסטען... אין איהר האָט ער זיין פּאַסענדע פּאָאר געפונען, מיט איהר האָט ער זיינע גרויסע אוצרות טהיילען געקענט...

אָבער זיינע אַרויסגעלאָזענע שטראהלען האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אָן די קליינע שוואַרצע מוראשקע־קעפּלעך, און האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו איהם — באַפּלעקטע, מטושטש׳ע, דונקעלע...

אין די אינזעקטען־געהירענס איז דאָס ליכט ניט אַריינגעדרונגען, אָבער וואָס האָבען זיי פון זיינע שטראהל־פּעדעם געמאַכט?...

זיי האָבען דרינען מוראשקע - גיפט אריינגעטהאָן.

דאָס איז געווען זייער ענטפער... זייער נקמה פאַר וואָס ער איז אַ ריעז...

און ער האָט דעם גיפט פון די מוראַשקעס גערופען „צווייפעל“...

און דאַן האָט ער דערזעהן איינצעלנע, נבזה'דיגע ערד־קריכער... קליינע שווארצע פינטעלעך האָט ער געזעהן און דאָס גרויסע באַשעפענים האָט ער מעהר נ י ט געזעהן...

אָבער דער מוראשקע־גיפט האָט ערשט זיין ארבייט אָנגעהויבען... אין איהם האָט זיך גענומען אזוי ווי איינ־שרומפען, איינציהען און קלענער ווערען און אַ ווילדע מורא איז איהם באַפאַלען...

„איך וועל אַ מוראשקע ווערען“ — האָט ער גע־ציטערט.

דאַן איז ער אין די בערג אַנטלאָפען...

דאָרטען זיינען די אָדלערס זיינע חברים געווען, אין די שטורעם־וואָלקענס האָט ער קאַמעראַדען געפונען.... לויטער און ליכטיג האָט זיך זיין שטראַהלען - וועלט אָפגעשפיגעלט אויף די ווייטע ווייסע גלימצערנדע שנעע־פעלדער, און אַן טהאָל האָט ער פארגעסען.

איינער פון זיין מין איז ער געווען, אָבער וועמען האָט ער באַדאַרפט ?...

קרעפטיג זיינען זיינע גליעדער געוועזען, די בארג־לופטען זיינען באלזאם־טראנקען, דאס וואסער פון פעלזען־קוואל א נעקטאר פון הימעל, און די בארג־געוויקסען קוויקענדע שפייזען געוועזען...

אבער די אלטע מורא איז פאמעליך ווידער צוריק־געקומען.

„בין איך ניט א מוראשקע?" — האט ער שווינדערנ־דיג געפרעגט זיך.

און אפט ווען ער פלעגט שטעהן אויף א שפיציגען פעלז, אין דער ווייטער בארג־איינזאמקייט אין מיטען פון זיינע אייביגקייט־געדאנקען, אין מיטען פון זיינע אונ־ענדליכקייט־טרוימען פלעגט איהם א שווינדעל באנעהמען.. דער פעלז אונטער זיינע פיס האט זיין פעסטקייט פארלאָ־רען, און דער אָדלער וואס האט זיך הויך איבער איהם אין דעם בלויען עטהער געקרייזט האט אין איהם זיינע רונדע ליכטיגע אויגען אריינגעלאָזען און האט איהם מיט די בליקען טהאָל אראפּ־צו געשטויסען...

„דו ביזט א מוראשקע" — האט ער אין די בליקען געלייענט. — „דיך שווינדעלט... דען דאָ קענען זיך בלויז אויפהאלטען אזעלכע ווי איך, וואס האבען פליגלען.... אזעלכע ווי איך, וואס קענען זיך צו די שטערען אויפ־הויבען..."

„דו ביזט ניט שטארק גענוג פאר דאס בארג־לעבען"—

האָט דער ווינד איהם גדלות׳דיג־שפּעטיש פֿארבייגעברומט — „די בערג זיינען פאַר אַזעלכע ווי איך, וואָס טראָגען זיך פון איין עק וועלט צום צווייטען, און דאַרפען קיין רוה און דאַרפען קיין חבר׳שאַפט ניט...“

און קלענער איז ער געוואָרען און זיין אַנגסט איז געוואַקסען און זיין איינזאַמקייט האָט איהם גערריקט....

„איך ווער אַ מוראַשקע“ — האָט ער, זיך טרייסלענ־דיג, געמורמעלט.

און שוואַכער וואָס אַ טאָג זיינען זיינע אברים געוואָ־רען... די אָדלערס און די וואָלקענס האָט ער ניט מעהר פאַר קאַמעראַדען באַטראַכטעט... ער האָט זיך פון זיי באַהאַלטען.

און דאַן האָט ער גענומען בייגקען נאָכ׳ן טהאָל און שפּעטער — נאָך די מוראַשקעס...

„דאָרט וועל איך כאָטש חבר׳שאַפט געפינען“ — האָט ער געזיפצט — „קליין וועל איך זיין, אָבער אַלע זיינען קליין.

„און אַ מיטגליעד וועל איך זיין פון דער פאַמיליע פון מוראַשקעס. ליעב האָבען וועלען זיי מיך, ווייל איך בין איינער פון זיי.

„און ווען איך בין גלייך מיט זיי און קריך אויף דער ערד ווי זיי און לעב אין מוראַשקע־נעסט ווי זיי, דאַן וועל איך זיי דערצעהלען ווי גרויס איך בין אַמאָל געוועזען...

„אַ זכות וועט עס מיר זיין און פריינד וועל איך האָבען....“

דאָן איז ער אין טהאָל אַרונטער און אַ מוראשקע געוואָרען — אַ מוראשקע מיט אַ יחוס־בריעף....

1909

דער עפּעל-בוים

דער מלאך, וואָס איז ממונה אויפ'ן וועטער, האָט אונז געמאַכט אַ סורפּריז.

מיר האָבען זיך נאָך מבין געווען אויף וואָכען און וואָכען פון פרעסט, פון שנעען, פון זאַווערוכעס און קאַלטע רעגענס, — און מיט אַמאָל איז געוואָרען פריהלינג.

וואָס אַ טאָג, איז דער הימעל געוואָרען אַלץ אויסגע־לייטערטער, די זונן האָט געוואַרעמט אויף מאַיאָווען שטיי־גער, לויליכע ווינדען האָבען געגלעט דאָס פנים, און די נעכט זיינען געווען בלאָ און אויסגעשטערענט.

צוערשט האָט מען זיך געוואונדערט, געפרעגט קשיות: „סטייטש, עס איז דאָך די סאַמע ווינטער־צייט, ווי קומען אַזעלכע פריהלינג־וועטערס?"—און פול מיט ניט־צוטרוי האָט מען זיך געריכט, אַז אָט־אָט וועט אַרויס־פאַלען אַ קאַלטער שנעע און עס וועט זיך ווידער אָנהויבען דאָס מאוס'ע ווינטער־לעבען.

אָבער איין וואָך, צוויי, דריי זיינען פאַרגאַנגען, און

מען האָט אויפגעהערט צווייפלען, מען האָט אָנגעהויבען זיך צופּאַסען צו דער נייער פריהלינג־צייט. אין הויז זיינען פאַרשוואונדען די אויוועגס, פענסטער האָבען זיך געעפענט, די לייכטע, העל־קאָלירטע זומער־קליידער האָבען זיך באַוויזען, און דאָס לוסטיגע, אָפענע גאַס־לעבען פון זומער האָט געהערשט אומעטום.

די בוימער, הפּנים, האָבען ווייניג אמונה געהאַט, האָבען זיך גע'ישוב'ט, צי עס איז נאָך ווינטער, צי עס איז טאַקע אין דער אמת'ן פריהלינג און ליתר בטחון געבליבען עכט־ווינטערדיג.

פון דעם טעגליך גרינער־ווערענדיגען גראָז פלעגט אָפט אונזער בליק ניט־ווילענדיג זיך אַרויפגליטשען צו דעם נאַקעטען צווייגען־סקעלעט, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טהיר. אַ'ן עפּעל־בוים איז דאָס געוועזן.

פאַר וואָס בליהט ער ניט? וואָס וואַרט ער?

ניט שוין־זשע מיינט ער, אַז ער איז קליגער פון אַלעמען?

און דער בליק איז געוועזן אַ פאָרוואורף צום בוים, אַ פאָרוואורף פאַרוואָס ער האַלט זיך פון דער ווייט. די שמחה פלעגט ער צושטערען.

פאַרוואָס גלויבט ער ניט אין פריהלינג? — פאַרוואָס בליהט ער ניט?

און די זונן פלעגט איהם טאָג פאר טאָג לאַסטשען האַלב־פריינדליך, האַלב־ברוגז'דיג: „וואָס עקשן'סטו זיך?"

און די וואַרעמע אינטימע ווינדטלעך פלעגען איהם טשוכען: „פאַרוואָס גלויבסטו ניט?"

און איין שוואַלב נאָך דער צווייטער פלעגט זיך אָפּשטעלען אויף איהם מיט אַ קינדערשען פּיפּס: „פאַר־וואָס בליהסטו ניט?"

האָבען די פאַרוואָרף־בליקען, האָבען די שטראַהלען, האָבען די שוואַלבען געווירקט?

דער בוים איז מיט אַמאָל געוואָרען ווייס.

ער האָט געפּאָלגט און האָט זיך פונאַנדערגעבליהט.

ענדליך האָט דער עפּעל־בוים מסכים געווען אויפ'ן פריהלינג.

דאָס פריהלינג־לעבען האָט געקריגען די בעשטעטי־גונג פון'ם עפּעל־בוים.

מענשען האָבען געפּליקט ווייסע בליהונג־בלעטלעך און זיך געשטאָכען צו דעם לאַץ.

האָבען זיי זיך געפרעהט, וואָס זיי האָבען געקראָגען אַזאַ שטאַרקען בעווייז אויף פריהלינג? האָט זיי הנאה געטהאָן, וואָס דער עפּעל־בוים האָט זיך געלאָזט איבער־ריידען און דענקט ווי זיי דענקען?

און איין טאָג איז פאַרבייגעגאַנגען אַ'ן אַלטער גערט־

נער און האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם שענעם בליהונג־מאַנטעל פונ׳ם עפּעל־בוים און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: —

„ער וועט מיט זיינע עפּעל באַצאָהלען.... ער האָט זיך געלאָזט פאַרפיהרען״...

און אין אַ וואָך אַרום איז דער גאַנצער פריהלינג פאַרשוואונדען, אַ קאַלטער צפון־ווינד האָט זיך אַרויסגע־רוקט פון ערגעץ־וואו, שווארצע שנעע־מעוברת׳ע כמארעס האָבען זיך געצויגען און געצויגען ווי שפּיטאָל־וועגען אין אַ גרויסער מלחמה.

און אַ קאַלטער שנעע איז אַרויסגעפאַלען, און דער ווינטער־שטורעם האָט געהוליעט מיט טייוועלשען נצחון:

„פריהלינג איז נאָך ווייט־...

מענשען האָבען זייער פריהלינג־שטימונג צוגלייך מיט זייערע זומער־בגדים ווידער פאַרפאַקט, צוריק אָנגע־טהאָן די אַלטע דיקע מאוס׳ע מלבושים, זיך פאַררוקט אין הויז און באַשלאָסען, אַז עס איז ווינטער.

און דער עפּעל־בוים איז געשטאַנען ווייס — ווייס פון שנעע — און האָט זיך געוויגט און געבויגען, ווי ער וואָלט עמיצען געזוכט. האָט ער די מענשען געזוכט, צי די שטראַהלען, צי די שוואַלבען, צי די וואַרעמע ווינדטעלעך?..

און אין פענסטער, דורך די האַלב־פאַרפראָרענע

שויבען, האָט ער אריינגעקוקט מיט א פּאָרוואורף, מיט תרעומות:

„איך וועל מיט מיינע עפּעל באצאָהלען... איך האָב זיך געלאָזט פּארפיהרען“...

1907

משה רבינו'ס טויט

(פון אַ מדרש).

און ווען משה האָט געזעהן אז עס איז נגזר געוואָרען אויף איהם ער זאָל שטאַרבען, האָט ער זיך איין טרויער־קליידער איינגעוויקעלט, האָט זיינע גרויע לאָקען מיט אַש צוגעדעקט און האָט גענומען מתפלל זיין פאַר גאָט.

און זיין שטים איז געווען אַזוי שטאַרק אַז איבער דער גאַנצער ערד האָט זי אָפּגעהילכט, און דורך אַלע זיבען הימלען האָט זי געליאַרעמט און גע'רעש'ט... פון איין פלאַנעט צום אַנדערען האָבען זיינע ביטערע תחנונים זיך געטראָגען, פון איין שטערען צום צווייטען האָבען די ווערטער פון זיין תפלה געשטורעמט... ביז די פעסטע זיילען פון דער וועלט האָבען זיך פון אימה געטרייסעלט און ערד און הימעל האָבען ציטערנדיג געפרעגט:

„איז אונזער לעצטער טאָג געקומען? וויל דער בורא אונז פערניכטען, און בעשאַפען די וועלט פון דאָס ניי?“

און א פאַרבאָרגענער קול ווי א מעכטיגער מדבר־שטורעם האָט זיי אַן ענטפער אַרויסגעברילט:

„אייער צייט איז נאָך ניט געקומען... אבער עס איז געקומען די שעה ווען דער פּראָפעט משה זאָל שטאַרבען...“

און א באַפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען ביי איט־ליכען טהויער פון איטליכען הימעל, אז משה׳ס געבעט זאָל ניט דורכגעלאָזען ווערען, ווייל פאַרזיעגעלט איז דער גזר־דין אז ער מוז פון דער וועלט געהן...

אָבער העכער און הילכיגער און ריהרענדער איז געוואָ־רען דאָס געבעט פון דעם אַלטען נביא און האָט מיט געוואַלט זיך געריסען דורך די אָפענע טהירען פון הימעל...

צושראָקענע, פאַרוויינטע זיינען די מלאכים־וועכטער פאַר גאָט׳ס שטוהל געקומען, געכליפּעט האָבען זיי:

„הארר פון די וועלטען, די טהרערען און תפילות פון משה׳ן זיינען ווי בלאַנקע שניידענדע שווערדען, זיי רייסען זיך מיט שטורעם־מאַכט דורך דעם הימעל־טהויער, צו דיין טהראָן ווילען זיי אַרויף... און די אראלים און די שרפים שטעהען און וויינען און האָבען ניט דאָס הארץ זיי ניט אַריינצולאָזען.“

און א באַפעהל איז אַרויס צו פאַררינגלען די טהויערן פון אַלע הימלען און די שלעסער צו פאַרזיגלען...

אָבער צו גאָט'ס אויער זיינען דאָך אָנגעקומען די ווערטער פון משה'ן:

„רעגיערער פון דער וועלט! — ווער ווי דו וויים „וויפיעל איך האָב געליטען, וויפיעל בלוט פון מיין הארצען, „וויפיעל מארך פון מיין קאָפּ איך האָב אָפּגעגעבען אום „דאָס פערשקלאַפּטע פאָלק ישראל דיינע געזעצען צו לער־ „נען, אום אין זיי גלויבען און גערעכטיגקייט טראָפּענס־ „ווייז אריינצוטריפען, אום זיי אין נויט און אין ליידען צו „שטארקען, אום זיי דורך דער לאנגער וויסטע צו פיהרען... „מיט פארשפרעכונגען פון דעם שענעם לאנד וואָס דו „האָסט פאר זיי, האָב איך זייער מוטה אויפגעהאלטען און „און קיינעם האָב איך אין דיין צוזאָג צווייפלען ניט „געלאָזט...

„איצט זאָגסטו צו מיר: „דו זאָלסט דעם ירדן ניט „אריבערגעהן! אלע וועלען קומען אין דאָס געבענשטע „לאנד, נור דו ניט."

„גאָט פון גערעכטיגקייט, איז דאָס מיין לוין? איז „דאָס מיין געצאָהלט פאר פערציג יאָהר פון גאָטספאָרכטיג־ „קייט, פון טרייער איבערגעבונג צו דיר און צו דעם פאָלק „וואָס דו האָסט אויסערוועהלט?"

אָבער גאָט'ס שטים האָט געענטפערט:

„דיין גזר־דין איז פערזיעגעלט..."

און ווייכער און ווייענדיג האָט דער פּראָפעט געבעטען:

„אויב איך קען ניט דאָס שענע לאַנד מיט מיינע אויגען
„זעהן, אויב עס איז מיר ניט בעשעערט צו הערען מיט
„מיינע אויערען דעם ווינד וואָס רוישט אין די בליהענדע
„בוימגערטנער פון כנען, אויב איך מוז שטאַרבען אויף
„ד ע ר זייט פון דעם ירדן, דאַן לאָז מיך כאָטש טויטערהייד
„קומען אין מיין געליעבט לאַנד, לאָז מיינע טויטע
„גליעדער א ר י ב ע ר ט ר א ג ע ן אהין וואו די פּאַטערס
„פון די שבטים רוהען... זיינען ניט די ביינער פון יוסף'ן
„אריבערגעבראכט געוואָרען פון מצרים אין כנען?“

אָבער די שטים האָט געענטפערט:

„ווען יוסף איז געקומען, א ווילד־פרעמדער, א פער־
„יאָגטער, אַן אונגליקליכער אין פרעה'ס לאַנד, האָט ער
„געזאָגט אז ער איז א איד, אַ ן א י י נ י ק ע ל פון
„א ב ר ה ם, א זוהן פון יעקב... ניט פערלייקענט האָט ער
„זיין שטאַם. האָסט דו דאָסזעלביגע געטהאָן ווען דו ביזט,
„לאַנג, לאַנג צוריק, אָנגעקומען אין מדין? האָסט דו ניט
„דעמאָלט פאַר די ווילדע געצענדיענער דיין יחוס פאַר־
„שטעלט?“

און משה האָט וויטער געוויינט:

„אויב איך מוז שטאַרבען, אויב איך קען אויף דער
„וועלט ניט זיין מעהר אין געשטאַלט פון א מענשען,

„לאָמיך לעבען אין דער געשטאַלט פון איינעם פון דיינע
„פיעלע ברואים וואָס לויפען פריי אין וואַלד אַרום, און
„עסען די זאַפטיגע קרייטער און טרינקען פון די קלאָרע
„פרישע קוועלכלעך, און קוויקען זיך מיט דיין וועלט..."

„ניט בעט!" האָט די שטימע געענטפערט.

און דער פּראָפעט האָט ווידער געוויינט:

„פערוואַנדעל מיך אין אַ קליין פויגעלע כאָטש,
„וואָס פליהט לוסטיג פון איין עק הימעל צום צווייטען,
„וואָס קלייבט זיינע קערנער בייטאָג און געפינט זיין רוה
„ביינאַכט אין זיין נעסט אויף אַ שפּיץ פון אַ בוים, פון
„וואַנען ער קען דיינע בלויע הימלען זעהן און דיינע שענע
„שטערען אָנקוקען..."

„ניט בעט!" האָט די שטימע ווידערהאָלט.

אָבער די זון און די לבנה האָבען משה'ס שמערץ ניט
געקענט צוקוקען, און פאַר דעם כסא הכבוד זיינען זיי
אַרויפגעשטיגען און האָבען געזאָגט:

„באַשעפער פון ליכטיגקייט! מיר קענען דעם וועה־
„טאָג פון דעם גרויסען פּראָפעט ניט צוזעהן מעהר... מיר
„ווילען צו שיינען אויפהערען, מיר ווילען אונזערע
„שטראַהלען אויף דער ערד ניט אַרונטערשיקען, אויב דו
„וועסט איהם דאָס לעבען נעהמען..."

און צאָרניגע וויים־פייערדיגע פיילען האָט דאַן גאָט

אין די זון און אין די לבנה אריינגעשאָסען, אוןווערטער אַזוי ווי בליצען האָבען אַרויסגעפלאַקערט פון כביכול'ס מויל:

„איהר האָט צוגעזעהן ווי מען האָט זיך צו אייך „געבוקט, ווי מען האָט מענשען־קרבנות געאָפּפערט צו „אייך און דער פערשוועכטער כבוד פון דעם אמת'ן איינ־„ציגען באשעפער אייערען האָט אייך ניט געקימערט, און „איהר האָט אייער שיין ניט צוריקגעהאַלטען. און איצט „ווילט איהר צוליעב אַ מענשען, צוליעב אַ ילוד־אשה, מיין „באַפעל ווידערשפּענסטיגען?...“

און ווען משה האָט זיך נאָכדעם געווענדעט צו דער זונן און צו דער לבנה זיי זאָלען זיינע שתדלנים זיין, האָבען זיי איהם געענטפערט:

„מיר האָבען פאַר זיך אַליין צו בעטען, דען אונזער „ליכט וועט אויך אַמאָל דונקעל ווערען, און פאַרשוואונדען „ווערען וועלען מיר אויף דעם אַלמעכטיגען'ס באַפעהל...“

און צו די שטערען און די פּלאַנעטען האָט משה זיך געווענדעט זיי זאָלען בעטען פאַר איהם, אָבער טרויעריג איז זייער ענטפער געווען:

„מיר האָבען פאַר זיך אַליין צו בעטען, דען אָנגעשרי־„בען איז אַז די שטראַהלענדע קערפּערס פון הימעל וועלען „ווי שטויב צוריבען ווערען, ווען זייער צייט וועט קומען...“

און צו די הימלען און צו דער ערד האָט זיך משה געקעהרט, אָבער קאַלט איז זייער אָפּזאָג געווען:

„מיר האָבען פאַר זיך אַליין צו בעטען. דען די „הימלען וועלען ווי רויך צוגעהן און די ערד ווי אַ קלייד „צוקריכען ווען זייער שעה וועט קומען."

און צו די בערג און צו די הויכע פעלזען איז משה געגאַנגען, אבער בעטריבט האָבען זיי איהם אַ תשובה געגעבען:

„מיר האָבען פאַר זיך אַליין צו בעטען. דען באַ־„שטימט איז פון אויבען, אַז די בערג זאָלען אונטערגעהן און די פעלזען זאָלען כלה ווערען."

דאַן איז צו דעם ברויזענדען און קאָכיגען ים געגאַנגען משה מיט זיין געבעט.

און די וועללען האָבען געשוימט און געראָדערט, האָבען זיך ווי הויכע טהורעמס אויפגעשטעלט, זיינען ווי שטאָלצע ריעזען אויפגעשפרונגען, און מיט טומלענדען און רוישענדען שפּאָט האָט דער ים געענטפערט:

„ביזטו ניט דעריעניגער וועלכער האָט דעם ים „געשפּאַלטען, וועלכער האָט באַפויהלען די וואַסער־„שטראָמען צו אַנטלויפען און דיין ווילען איז געשעהן? „ביזט דו ניט מעכטיגער פון מיר געוועזען? האָסט דו „ניט מיט דיין שטעקען די אינדען צוטהיילט? איך האָב „זיך פאַר דיר אין שרעק צונויפגעקנוילט, איך האָב פאַר

„דיין ליכטיגען פּנים מורא געהאַט, די שטראַהלען פון דיין
„שטערן האָבען מיך מיט פּחד פאַריאָגט — און איצטער
„ווילסטו איך זאָל דיך רעטען ?...“

און דער אַמאָליג שטאָלצער נביא האָט מיט גע־
שטיקטע טהרערען געמורמעלט:

„דער קעניג פון דער וועלט, פון דער ערד, און פון די
„וואַסערען בין איך דאַמאָלס געוועזען, די שליסלען פון
„הימעל האָב איך אין דער האַנד געהאַלטען, דער סצעפּטער
„פון גאָט איז אין מיינע פינגער געוועזען... די וואָלקען
„האָבען מיין שליחות אויסגעפיהרט, די בערג האָבען גע־
„ציטערט פאַר מיר, די ווינדען זיינען מיינע משרתים
„געוועזען... אבער שוואַך און אָהן מאַכט בין איך איצט...
„און מיין וואָרט האָט קיין האַפט ניט און די טהויערן פון
„הימעל זיינען פאַר מיינע תּפלות פאַרשלאָסען...“

אָבער דער ים האָט מיט נקמה די וועללען געבראָכען
און האָט פון דעם נביא געשפּאָט...

און צו דעם לייב־באַדיענטען פון גאָט, צו דעם מלאך
מטטרון איז משה געגאַנגען און האָט זיין הילף געבעטען.

מיט שטראַהלענדע ליעבשאַפט, מיט ווייכען מיטלייד
האָט דער הויכער מלאך זיינע ברייטע שנעע־ווייסע
פליגלען געטרייסעלט און האָט זיין ליכט־באַקרוינטען קאָפּ
צו דעם אַלטען פּראָפעט געבויגען, און אַ טהרער ליכטיג און

דופטיג איז פון מטטרון'ס אויג אויף דעם נביא'ס האָר געפאַלען:

„נביא היילינגער, צו וואָס נאָך לעגסטו אזוי די „וועלטען איין? פון הינטער דעם פאָרהאַנג, פון וואו עס „זיצען די הימעלשע ריכטער פארנומען האָב איך: „משה „מוז שטאַרבען", און דיין געבעט וועט ניט צוגעהערט „ווערען..."

און אַ ווילד־פאַרצווייפעלטער קרעכץ האָט זיך אַרויס־געריסען פון משה'ס טיעפסטען הערצען... ביטערע גע־שרייען זיינען אַרוים פון זיין מויל, ביז די שכינה האָט זיך מיט אַ וואָלקען פון צאָרן פאַרצויגען, און דער גאָט פון גערעכטיגקייט און ראַכע האָט בייז אויף דעם וויינענדיגען נביא געקוקט...

אָבער משה האָט געבליבעט:

„ביזט דו בלויז דער גאָט פון גערעכטיגקייט? „טראָגסט דו ניט די קרוין פון מיטלייד און באַרמהערציג־„קייט, פון פאַרגעבונג און פון ליעבשאַפט?"

מילדער האָט דאַן געבליקט דאָס אויג פון כביכול און אַ שטים פעסט ווי אַ פעלז און לינד ווי פריהלינג־ווינד האָט געענטפערט משה'ן:

„ווען דאָס פאָלק וואָס דו האָסט פון מצרים אַרויס־„געפיהרט, האָט אין מיינע אויגען זיך פאַרזינדיגט און איך „האָב זיי באַשלאָסען צו פאַרניכטען, ביזט דו אויף דיינע

„סני געפאלען, געיאמערט האסטו איך זאל זיי פארצייהען,
„און איך האב מיין באשלוס פון דיינעטוועגען געענדערט,
„און איך האב מיין באפעהל־וואָרט צוריקגעצויגען... און
„דיין ווילען איז געשעהען קעגען מיינעם. — ווילסו איצט
„ווידער אויספיהרען קעגען מיך? אדער ווילסטו דיין
„אמאליגע תפלה צוריקנעהמען, מיין דאמאלסדיגען באַ־
„שלום באשטעהען לאזען, כדי איך זאל מיין א י צ ט י ־
„ג ע ן ענדערן? — אויב דו ווילסט עס, דאן וועסטו דיין
„אייגען לעבען געשענקט קריגען, אבער דיין פאלק, דיין
„זינדיג פאלק וועל איך פארניכטען, און דא אין דעם
„מדבר וועלען זיי אלע אונטערגעהן.“

אבער אויפגעשפרונגען איז משה ווי פון א גיפטיגער שלאנג געביסען און אויסגעשריען האט ער:

„ניין, ניין, ז י י זאלסטו ניט שטראפען. הונדערט
„און טויזענד אזעלכע ווי משה זאלען אין קבר געהן,
„אבער ריהר ניט אן דעם מינדעסטען נאגעל פון זיי...
„ריהר ניט אן מיין שווער־געפלאגטעם פאלק...

„אבער איז עס דיין רצון, אז די פיס וועלכע זיינען
„פון בארג סיני צו דיר אויפ׳ן הימעל ארויפגעשטיגען, די
„הענד וועלכע האבען דיינע הייליגע לוחות פון די וואל־
„קענס צו דעם פאלק ארונטערגעטראגען, און דאס געזיכט
„אויף וועלכען דער שטראהלענדער בליק פון דער שכינה
„איז געפאלען — אז זיי זאלען ליעגען מיט ערד באדעקט,

„זאָלען נאָהרונג פאַר די ווערים זיין, און זאָלען פוילען אין
„דער פייכטקייט פון דעם קבר? — איז עס דיין רצון
„אזוי?“

ווייך האָט כביכול'ס שטים געענטפערט:

„אזוי איז דאָס געזעץ פון דער וועלט... די פיהרערס
„און די פּראָפעטען בייטען זיך מיט זייערע דורות... דו
„ביזט געווען דער פיהרער, דער הייליגער נביא, דער פער־
„מיטלער צווישען מיר און דיין דור... אבער דיין דור
„ליעגט באַגראָבען אונטער די הייסע זאמדען פון דעם
„וויסטען מדבר, און דער וועגווייזער און פאָרשטעהער פון
„די וואָס לעבען איצט וועט זיין דיין תלמיד, דיין נאָכ־
„פאָלגער יהושע... און ער וועט זיי אין כנען ברינגען...“

אָבער משה האָט געבעטען:

„איך וויל ניט קיין הערשער זיין, איך וויל ניט דעם
„פיהרער־שטעקען האַלטען... נעהם איהם אָפּ פון מיר.
„גיב יהושע'ן די מאַכט און די פיהרערשאַפט און מיר שענק
„בלויז לעבען... איך וועל זיין תלמיד, זיין געהאָרכזאַמער
„באַדיענטער זיין, אָבער לאָמיך מיטגעהן אין דאָס לאַנד
„וואָס איז געוועזען אויף מיינע ליפּען און אין מיין הערצען
„אזוי לאַנג... לאָמיך זעהן מיין פאָלק א רוהיגעס, א
„גליקליכעס!...“

מיט קומער און מיט צערטליכקייט האָט דאמאלס גאָט
געזאָגט:

„געה צו יהושע'ן, און זיי זיין תלמיד, ווי דו פאר־לאנגסט."

און משה איז אוועק צו דעם געצעלט וואו יהושע איז געזעסען ארומגערינגעלט פון תלמידים און האט די ווער־טער פון דעם נביא אויסגעטייטשט פאר די וואס האבען ניט פארשטאנען. און משה האט זיך איינגעבויגען און צונויפגעדרעהט און האט זיך אין א ווינקעל פאררוקט און ניט יהושע און ניט זיינע תלמידים האבען איהם באמערקט.

און פיעל מענשען זיינען אונטערדעסען געקומען צו דעם געצעלט פון משה'ן און האבען איהם ניט געטראפען, און ווען מען האט זיי געזאגט וואו ער איז, זיינען זיי אוועק צו יהושע'ס געצעלט און דארט האבען זיי איהם געפונען, ביי דער טהיר, שטעהענדיג אין א ווינקעל... און יהושע איז געזעסען און האט גע'דרש'ט. און מיט פאר־דרום האבען די מענשען אויסגעשריען:

„יהושע! דיין לעהרער שטעהט אין ווינקעל, און דו זיצט און דרש'עסט?"

און אויפגעכאפט האט זיך יהושע און צושראקען און בלייך און טרייסלענדיג ווי א בלאט אין שטורעם, האט ער זיינע קליידער איינגעריסען, האט זיך געבוקט פאר משה'ן און האט געוויינט:

„רבי מיינער, הייליגער פאטער מיינער..."

אבער ווען דאס פאלק האט געבעטען משה'ן ער זאל

ווי תמיד זייער לעהרער זיי, האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ בעטריבט און האָט געזאָגט:

„איך טאָר ניט."

דאָך דאָס פאָלק איז ניט אָפּגעשטאַנען און האָט איהם ניט נאָכגעלאָזען ביז אַ בת־קול איז אַרויס:

„אייער לעהרער פון היינט אָן וועט יהושע זיין."

דאַן האָט זיך יהושע געזעצט ווידער אויבען־אָן, איהם צו דער רעכטער זייט איז געזעסען משה, איהם צו דער לינקער זייט זיינען געזעסען די זיהן פון אהרן הכהן. און יהושע האָט גע'דרש'ט און משה האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ און צוגעהערט און געשוויגען...

ווען זיי זיינען אַרויס פון געצעלט איז משה געגאַנגען פון דער לינקער זייט, ווייל אַ תלמיד טאָר ניט געהן צו דער רעכטער זייט פון זיין רבי'ן...

ווען זיי זיינעןביידע אַריינגעגאַנגען אין דעם אהל־מועד האָט אַ וואָלקען־זייל איינגעוויקעלט יהושע'ן און האָט איהם פאַרשטעלט פון די אויגען פון משה'ן, און משה האָט איהם ניט געקענט זעהן...

און ווען דער וואָלקען האָט זיך אָפּגעטהאָן איז משה צוגעגאַנגען צו זיין אַמאָליגען תלמיד און האָט איהם געפרעגט:

„וואָס האָט דיר גאָט אַנטפּלעקט ווען דו ביזט אין וואָלקען געוועזען?"

אבער דער יונגער יהושע האָט געענטפערט:

„האָב איך דען געוואוסט וואָס גאָט האָט מיט דיר
„גערעדט ווען ער פלעגט זיך צו דיר אַנטפּלעקען?"

און קאַלט און בלייך איז משה געוואָרען און ער האָט געמורמעלט:

„בעסער הונדערט טויטען איידער איין רגע פון
„קנאה. ביז איצט האָב איך לעבען געוואָלט... איצט גיב
„איך דיר, אַלמעכטיגער, מיין נשמה, זאָל דיין גזר־דין
„געשעהן..."

און סמאל דער קיניג פון די טייוואָלים האָט זיין גאַנצע סוויטע צוזאַמענגערופען. אַ יום־טוב איז געוואָרען ביי זיי. און סמאל האָט געוואַרט און האָט געזאָגט:

„ווען וועט שוין קומען דער מאָמענט ווען
„משה וועט שטאַרבען, ווען איך וועל צווישען מיינע
„נעגעל זיין נשמה האַלטען, ווען זיין לעהרער און זיין
„באַשיצער, דער ליכטיגער מלאך מיכאל, וועט טהרערען
„פאַרגיסען און איך וועל לאַכען..."

פון אונטער דער ערד האָבען טויזענדער פינסטערע גייסטער געלאַכט...

דאָך גאָט האָט גערופען גבריאל המלאך און איהם האָט ער געהייסען ברינגען די נשמה פון משה'ן.

אָבער גבריאל האָט זיך געבעטען:

„אַלמעכטיגער, איך האָב ניט די קראַפט... דען
„גרעסער און וויכטיגער ווי די נשמות פון די ששים רבוא
„וואָס רינגלען איהם אַרום איז די נשמה פון דעם אַלטען
„נביא."

דאַן האָט גאָט גערופען מיכאל'ן, אבער ער האָט זיך אָפּגעבעטען:

„גאָט פון די אראלים! זיין לעהרער בין איך געווען,
„ווי זאָל איך איצט זיין נשמה רויבען?..."

און גאָט האָט געשיקט סמאל'ן.

מיט ווילדער גרויזאַמקייט, מיט פרייד פון נקמה אויפגעשפּרונגען איז דער גייסט פון פינסטערנים און האָט זיין לאַנגען שווערד אָנגעגורט. אָבער ווען ער איז געקומען צו משה'ן האָט ער זיך פאַר זיין שיינעדיגען געזיכט דער־שראָקען, און זיינע לענדען האָבען ציטערן אָנגעהויבען, און ער האָט קיין מויל ניט געקענט אויפמאַכען ביז משה האָט זיך צו איהם געווענדעט און געפרעגט:

„וואָס ווילסטו, גייסט פון זינד און פינסטערנים?"

„איך וויל דיין נשמה." האָט געענטפערט סמאל.

„ווער האָט דיך אַהער געשיקט?" האָט ווידער משה געפרעגט.

„מיך האָט אַהער געשיקט דער באַשעפער פון אַלע
„מענשען... זייערע נשמות האָט ער אין מיינע הענד
„איבערגעגעבען."

„אבער ווייסטו די מאכט וועלכע איז מיר געגעבען
„געוואָרען?“ האָט צאָרניג דער נביא געפרעגט. „ווען איך
„בין בלויז דריי יאהר אַלט געוועזען האָט שוין גאָט'ס
„נבואה פון מיין מויל גערעדט, און איך האָב שוין פאָר־
„אויס פראָפעצייט אַז דורך רויך און דורך פלאַמען וועל איך
„גאָט'ס געזעצען פון הימעל אַרונטערברענגען און זיי
„צווישען זיין פאָלק פערשפּרייטען... צו דריי יאָהר האָב
„איך דעם מעכטיגען פּרעה'ן די קרוין פון שטערען אַרונ־
„טערגעריסען. שפּעטער האָב איך וואונדער בעוויזען און
„האָב זעקס מאָל הונדערט טויזענד שקלאַפען פון קנעכט־
„שאַפט אַרויסגעפיהרט... די שטראָמענדע וואַסערן פון
„ים־סוף האָב איך אין צוועלף טהיילען צוריסען אום פאַר
„די צוועלף שבטים צוועלף טרוקענע וועגען צו מאַכען...
„אויף די הימלען האָט מיין פוס אַ וועג זיך אויסגעטרעטען,
„מיט מלאכים האָב איך זיך געראַנגעלט, און שרפים האָב
„איך בעזיעגט און האָב פון זיי זייערע בעהאַלטענע סודות
„אַרויסגעריסען און זייערע געהיימניסען האָב איך פאַר
„באַשעפעניסען פון פלייש און בלוט אַנטפּלעקט... פּנים
„אל פּנים האָב איך מיט גאָט גערעדט און מיר האָט ער
„זיינע פייערדיגע ווערטער פאַרטרויט... מיט מיין
„שטעקען האָב איך די ריעזען סיחון און עוג דערשלאָגען,
„און די זונן און די לבנה האָבען אויף מיין באַפעהל אין
„זייער הימעל־קרייז זיך אָפּגעשטעלט... ניט דו ביזט
„שטאַרק גענוג מיין נשמה צו נעהמען...“

אין הוילע שרעקעניסען אנטלאָפען איז סמאל, אבער גאָט'ס שטרענגע שטימע האָט איהם צוריקגעטריבען:

„געה און ברינג משה'ס נשמה."

און ווידער האָט זיך דער פינסטערער מלאך באַוויזען מיט זיין שאַרפען בליצענדיגען שווערד אין דעם נביא'ס געצעלט.

אָבער מיט זיין מעכטיגען שטעקען האָט איהם משה פאַריאָגט און מיט איינעם פון די שטראַהלען וואָס האָבען פון צווישען זיינע אויגען געגלאַנצט האָט ער סמאל'ס אויגען בלינד געמאַכט...

דאָך א בת־קול האָט אַרויסגעקלונגען:

„משה, משה, דיין צייט איז געקומען... דו זאָלסט „פון דער ליכטיגער וועלט זיך שיידען... אבער שרעק זיך „ניט. קיינער, ניט סמאל און ניט קיין אַנדערער וועט „דיך אָנריהרען. איך אליין וועל דיין נשמה צונעהמען..."

און גאָט כביכול איז פון זיין טהראָן איבער די זיבען הימלען, אַרונטערגעשטיגען, און טויזענד כתות מלאכים הינטער איהם... ווי א רוישיגער ים האָבען זייערע פליגלען געַרעש'ט, ווי גרויסע ווייסע כוואַליעס האָבען זיי זיך צו משה'ס געצעלט געטראָגען... און די דריי מלאכים וואָס שטעהען תמיד נעבען דעם כסא הכבוד, האָבען זיך גע־שטעלט ביים געלעגער פון דעם שטערבענדען נביא...

איינער רעכטס און איינער לינקס און איינער איהם צוקאָפּענס.

און גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן:

„מאַך צו דיינע אויגען."

און ער האָט זיי צוגעמאַכט.

„לעג דיינע הענד אויף דיין ברוסט אַרויף."

און ער האָט פאַרלעגט זיינע הענד אויף דער ברוסט.

„ציה אוים דיינע פיס."

און ער האָט זיי אויסגעצויגען.

דאַמאָלס האָט כביכול אַ קוש געטהאָן דעם נביא אויפ'ן שטערען און האָט איהם מיט ליעבשאַפט די נשמה אַרויסגעקושט...

1909

דער דיכטער-דער זעהער

ער זעהט אין יעדען וואסער־שטויב דעם אוקינוס, אין דעם שוואכסטען שטראהל — דעם אור הגנוז, אין איטליכען אויגענבליק — די אייביגקייט.

אין א טראפּען טהוי אויף דעם שפּיץ פון א דינעם גראז־פּאדעם שפּיגעלט זיך פאר איהם די גאנצע גרענצלאזע נאטור.

און דארום באגנוגענט ער זיך קיינמאל ניט מיט דעם „איצט“, וועלכער איז באשרענקט. זיין אויג איז ענט־ווערער אין פארגאנגענהייט אדער אין צוקונפט, און זיין דיכטען איז ענטוועדער א בענקענים אדער א נבואה.

זיין מעסט־שנור און זיין בליי־געוויכט איז ניט די ווירקליכקייט, נור די וואהרהייט. די ניט־געבארענע, טיעף אין דעם מוטערלייב פון דער נאטור צוזאמענגעקנוילטע מעגליכקייט, איז ביי איהם א געשעהענער פאקט.

פאַר איהם איז דער גייסט — אַ ממשות, און דער קערפּער — אַ צופאַל. און אַלע נאָך ניט פאַר׳גופ׳טע זעעלען פון דעם אוצר הנשמות זיינען שוין פאַר איהם לעבעדיגע אָטהעמענדע באַשעפעניסען.

פאַר איהם עפענען זיך די קברים פון געשטאָרבענע דורות און די טויטע שפּרייזען ארויס פול מיט לאַכענדען לעבען; און זיין אויער הערט דעם טראַמפּעל פון צוקינפ־טיגע באַטאַליאָנען.

איהם דערעצהלט דער טויט פאַרלאָשענע סודות, און דאָס לעבען ווייזט איהם די געהיימסטע פּלענער לאַנג איידער זיי קריגען געשטאַלט.

און דרום פּיעללייכט איז ער ניט קיין מענש פון טהאַט, קיין איש המעשה, דען פאַר איהם איז שוין זיין טרוים אַ פאַקט, און זיין שטרעבונג — אַן ערפילונג. דער שטאַפּעל־לייטער איז ניט פאַר איהם, דען ער קלעטערט קיינמאָל ניט. מיט א י י ן פליגעל־שוואונג איז ער אויפ׳ן סאַמע שפּיץ. —

אָבער שטעהענדיג דאָרט, אויף דעם העכסטען שטאַ־פּעל איז ז י י ן געשטאַלט ד י ע נ י ג ע וואָס ערמוטהיגט און ציהט אַרויף־צו די גרויסע אַרמעע פון די קלעטערערס...

„אימיצער איז צום שפּיץ דערגאַנגען" — געהט דאָס געמורמעל פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל, און מיט שווערער

מיה און מיט שווייס, הייבט זיך דער ניעדריגסטער העכער, העכער — אהין וואו ער שטעהט. —

ביי איהם איז די וועלט תמיד ניי. איטליכע מינוט פון זיין לעבען איז אן ענטציקונג פון מעשה בראשית. דען ער זעהט אין דעם זיין דאס ווערען. ער מאכט נאכאנאנד שהחינו.

וואו אלע זעהען דאס בילד, זעהט ער דאס מאלען, ריכטיגער, די קינסטלערהאנד וואס מאלט...

אין יעדען זונען־אונטערגאנג און יעדען צאת־הכוכבים, ווי אפט ער זאל זיי ניט האבען געזעהן, זיינען פאר איהם אן אנטפלעקונג, און יעדער פריהלינג איז א וועלט־באשאפונג, און יעדע אויסגעשטערנטע נאכט — א גילוי שכינה...

דען פאר איהם איז ניטא קיין צושטאנד, ער זעהט בלויז ענטוויקלונג. ער שפירט די באוועגונג פון די אטאמען, די אונרוה פון די חלקים אין דעם טויטען פעלז אפילו.

אין איהם דערגרייכט די וועלט איהר „תכלית השלמות“ — איהר איינהייט. און אלע געגענשטאנדען און אלע ערשיינונגען טרעפען זיך צוזאמען אין איין ברענפונקט... ער איז די אונענדליכקייט פון וועלכער זיי אלע שטראמען ארוים...

און אַלע חושים זיינע זיינען בלויז צווייגען פון איין חוש... און קלאַנג און דופט און געשטאַלט זיינען ביי איהם איינס.

ער הערט מיט'ן אויג און זעהט מיט'ן אויער און פיהלט דעם בשמים-ריח פון די שטערען, און דער שטומער שטיין רעדט צו איהם ניט ווענינער, ווי דער הילכיגער וואסערפאַל...

1910

אונזערע פּראָפעסארען

מע האָט גערעדט פון די גרויסע אידעאַליסטען פון אונזער צייט. יעדער האָט געהאַט צו דערצעהלען וואונדערליכע אַנעקדאָטען פון דער זעלבסט־אויפּאָפּפערונג וואָס זיין העלד האָט אַרויסגעוויזען, פון דער גדלות פון זיין אָפּגאָט.

דער בעל הבית אַרום וועלכענ'ס טיש מיר זיינען געזעסען, אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג מיט קלוגע שוואַרצע אויגען און אַ לאַנגער ווייסער עכט־אידישער באָרד, איינער פון יענע טיפּען פון דעם אַלטען דור, פאַר וועלכען די יונגע פיהלען ניט ווילענדיג אַ מין שרעק געמישט מיט בושה, האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען און שווייגענדיג זיך צוגעהערט צו אונזערע ספּורים.

— און איהר, רב זאב, זאָגט דאָך אַז די היינטיגע זיינען ניט ווערטה אַ שמעק טאַבאַק. — האָט זיך ענדליך אַרויסגעכאַפּט דער יונגער אינזשעניער מיט ברילען.

— און וואָס דענקט א י ה ר מכח די אַלטע ?

ר׳ זאב האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַרויסרעדענדיג די דאָזיגע ווערטער, און האָט פאַרשעמדיג אָנגעקוקט די יונגע געזיכטער אַרום איהם.

מיר האָבען געוואוסט אַז באַלד וועט קומען איינע פון יענע האַרציגע געשיכטעס, וואָס האָבען אונז געמאַכט טהייער און ליעב אַ פערזאָן, מיט וועלכער מיר האָבען זאָנסט ניט געהאַט קיין איינציגע בשותפות׳דיגע מיינונג.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. מיר האָבען געוואַרט און פּרובירט פאַראויס טרעפען דעם אינהאַלט פון דעם וואָס וועט קומען. דער אַלטער האָט געגלעט זיין באָרד... ער האָט קענטיג געזעהן פאַר די אויגען עפּעס וואָס איז ניט געווען ניט אין צימער און ניט אין דער געגענוואַרט, נור ערגעץ אין אַ ווײַטען לאַנד, אין דעם נעבעל-לאַנד פון עבר.

און דאַן האָט ער גענומען דערצעהלען:

„ביי אייך האָט איהר יעצט גימנאַזיעס אין אוני-ווערזיטעטען, און פּראָפעסאָרען. ביי אונז האָבען מיר געהאַט ישיבות, וואו מען פלעגט זיצען טאָג ווי נאַכט און לערנען. ניט צו קריגען אַ דיפּלאָמאַ און אַ דאָקטאָר-טיטול, נור צו קוויקען זיך מיט דעם וואָרט פון גאָט, — און אַנשטאַט אַ פּראָפעסאָר פלעגט זיין אַ ראש הישיבה, וואָס האָט געגעסען ברויט מיט וואַסער און איז אַליין געזעסען יומם ולילה איבער דער גמרא.

„און לאָמיך אייך דערצעהלען וואָס פאַר אַ פּראָפע-סאָרען מיר האָבען געהאַט.

„דאָס זיינען געווען צייטען ווען קינד־און־קויט האָבען געוואָלט לערנען תורה. און ישיבות זיינען ניט געווען גענוג. אין בתי מדרשים, אין קלויזען, אין שטיבלעך איז מען געזעסען און מען האָט מיט התלהבות, מיט מסירת נפש געלערנט.

„און דער גרויסער רב חיים, דער אַלטער גרייז־גראָער גאון, האָט באַשלאָסען צו גרינדען אַ ישיבה. קיין צייטונגען זיינען ניט געווען, פון קיין אויפרופען פאַר הילף האָט מען ניט געוואוסט, און דער זקן האָט גענומען זיין וואַנדער־שטעקען און איז אַוועק איבער דער וועלט קלייבען געלד פאַר זיין ישיבה.

„נגידים זיינען געווען ווייניג אין יענער צייט. אבער די הערצער זיינען געווען רייך, שטיין־רייך, און דער אָרעמסטער האָט געגעבען זיין פּרוטה; און פּרוטה צו פּרוטה האָט דער גרייז געזאַמעלט, פון שטאָדט צו שטאָדט איז ער געגאַנגען, און יאָהרען־לאַנג געוואָגעלט זיינע אַלטע ביינער, ביז אין זיין גאַרטעל זיינען געווען די הונדערט דוקאַטען מיט וועלכע צו בויען דאָס הויז פון גאָט — די ישיבה.

„אַן אָרעמער הילצערנער בנין איז עס געווען, אָבער דער לייכט־טהורעם האָט עס געזאָלט ווערען פון וועלכען דאָס ליכט פון דער תורה זאָל זיך שפּרייטען איבער דער וועלט.

„און פון אַלע עקען זיינען געקומען יונגע לייט. דען די בשורה פון דער נייער ישיבה האָט דערגרייכט פון דער־ווייטען, און דער אַלטער גאון האָט איטליכען פון זיי מקבל פנים געווען און געקוסט אין שטערען און געבענשט.

„שוין זיינען די גמרות פאַרטהיילט געוועזען צווישען די ישיבה־לייט און אויף מאָרגען ביים שפּראָץ פון טאָג, האָבען די טהויערען פון די ישיבה געדאַרפט זיך עפענען, און הונדערט קלינגענדע שטימען האָבען געזאָלט אָנפילען דאָס הויז מיט הייליגקייט און וואַרעמקייט.

„אין זיין קליינעם קאַמערל פאַר אַן אָרעמען חלב'נעם ליכטעל געזעסען איז דער אַלטער רבי חיים און געלערנט און זיין הערץ איז געווען פול מיט פרייד: מאָרגען באַגינען וועלען אידישע קינדער פאַרהילכען ז י י ן ישיבה מיט דעם געזאַנג פון דער תורה.

„אויף די האַלב־צובראָכענע פענסטער פון דער חורבה וואו דער גאון האָט געוואויהנט, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו קלאַפּען אַ שטורעם און באַלד האָט עס אָנגעהויבען שנעען און דרעהען, און די פענסטער זיינען געוואָרען אין גאַנצען פאַרדעקט מיט הויפענס אָנגעטראָגענעם שנעע.

„און דער אַלטער האָט געזיפצט, און שלאָפען איז ער ניט געגאַנגען, און זיין הערץ האָט געציטערט, און טהרערען זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגען, און זיינע ליפּען האָבען געמורמעלט מיט אַנגסט:

„ווי וועלען מ י י נ ע ישיבה־לייט קענען א וועג געפינען אין די הויפענס שנעע? וועט ניט אימיצער פון זיי אויסען בלייבען? —

„און געוואָרט און געוואָרט האָט דער אַלטער, און ווען דער שנעע האָט אויפגעהערט, און די נאַכט־שטערען האָבען זיך גענומען אויסלעשען, אַנגעטהאָן האָט דער זקן לאַנגע פּאַרטריקענטע שטיוועל און אין שנעע איז ער ארויס. צו יעדעם הויז וואו אַ ישיבה־מאַן איז איינגעשטאַנען איז ער געגאַנגען מיט זיינע מידע טריט און אַ וועג האָט ער אויס־געטרעטען פאַר איטליכען הויז, ביז פון יעדען הויז האָבען זיך געצויגען פּאַרטיגע אויסגעטרעטענע שטעגען צו דער ישיבה...

„דאָן איז ער אריין אין דער דונקעלער ישיבה, אַנ־געצונדען אַ ליכטעל און זיך געזעצט לערנען, און זיין הערץ האָט ווידער געטאַנצט פון פרייד: באַלד וועט ז י י ן ישיבה הילכען מיט דעם געזאַנג פון דער תורה.

„אַזעלכע פּראָפעסאָרען האָבען מ י ר געהאַט.“

1910

דער פיעדעל-שפּיעלער אָהן הענד

עס איז געווען אַ סוף־זומערדיגער פאַרנאַכט. די זונן האָט זיך נאָר וואָס אַראָפּגעגליטשט הינטער די בלויע בערג און די גאָלדענע פאַרבען פון דעם מערב־הימעל זיינען לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבען. אין דעם רוישען פון די בוימען אַרום הויז האָט זיך געשפּירט אי די עראינערונג פון דעם ניט־לאַנג פאַרגאַנגענעם פריהלינג, אי דער זיפץ פון דעם אָנקומענדען הערבסט.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס געשפּרעך מיט זונען־אונטערגאַנגען און שעהנע לאַנדשאַפטען. ביסלעכווייז זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען צו קונסט און אַנעקדאָטען פון דעם לעבען פון גרויסע דיכטער און קינסטלער.

דער אַלטער מוזיק־לעהרער, אַ דאַר קליין מענשעל פון א יאהר זעכציג, מיט אַ גרויסען שנעע־געלאָקטען קאָפּ און

מיט צוויי שווארצע פער'חלום'טע אויגען, האט אפגעשא־
קעלט די אש פון זיין ציגאר און האט געזאגט:

— איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה, ניט קיין אויסגעטראכטע און ניט קיין סתם געהערטע, נאר פון מיין אייגענער ערפאהרונג — פון דעם גרעסטען פיעדעל־שפיעלער וועלכען די וועלט האט ווען־עס־איז געהאט.

— ווי רופט מען איהם? — האבען א האלב טוץ שטימען מיט אמאל געפרעגט.

— איהר האט זיין נאמען קיינמאל ניט געהערט, — האט דער אלטער געלאסען געענטפערט — יערענפאלס, ווייסט איהר ניט אז ער איז געווען דער גרעסטער טאן־זשעניע וואס האט בעריהרט א סטרונע זינט יובל האט צוערשט מוזיק אינסטרומענטען ערפונדען.

— איינער פון יענע וואס האלמס זאגט, אז זיי לעבען אויף דעם סמך פון דעם נאמען וועלכען זיי האבען געקענט מאכען — האט דער קריטיקער צוגעלעגט.

— איך ווייס ניט ווער אייער האלמס איז — האט דער מוזיקער מיט א האלב־געדרייצטען טאן געזאגט — אבער אויב ער האט עס געמיינט אלס איראניע, איז ער דאס מאל ניט גערעכט געווען. דער יעניגער פון וועלכען איך וועל אייך דערצעהלען איז געווען דאס וואס ער האט געקענט זיין. און אויב די וועלט האט איהם איהר אנערקע־נונג ניט געגעבען איז שולדיג בלויז א טראמוויי קאר.

— א טראַמוויי־קאַר ?...

— יאַ, אַ טראַמוויי־קאַר. אָבער אויב איהר ווילט פאַרשטעהן ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט מוזט איהר האָבען אַ ביסעל געדולד, און מיר ניט אַריינפאַלען אין די רייד מיט אייערע קשיות.

— מיר שווערען, מיר שווערען — האָבען אַלע אין אַ קאָמישען כאָרוס אַרויסגעזונגען.

דער אַלטער האָט אַזוי ווי ניט באַמערקט אונזער לצנות'דיגען טאָן, האָט אַ פּאָאַר מאָל אַריינגעצויגען דעם רויך פון זיין ציגאַר, האָט שטיל געקוקט ווי די בלאָע רויך־צעפּלעך פאַרגעהען אין דער ריינער אבענד־לופט. די אויגען זיינע, זיינען נאָך מעהר חלום'דיג געוואָרען, און האָבען זיך איינגעגעסען אין די צווייגען פון דעם אנטקעגענדיגען בוים. דאַן האָט ער זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף, און גענומען דערצעהלען:

„דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר דרייסיג צוריק אין בערלין, און איך האָב זיך דאַן ערנעהרט פון געבען לעקציאָנען אין פיעדעל שפּיעלען. מיין פּרייז איז געווען אַ מאַרק. אַ קבצנ'ישער פּרייז, עה? אָבער פאַר מיר איז עס דאַן געווען אַ'ן עולם ומלואו. דאָס אונגליק איז געווען, וואָס איך האָב בלויז געהאַט דריי אָדער פיער לעקציאָנען אַ וואָך.

— און גענגעסען בלויז איין מאָל א וואָך — האָט צוגעלעגט דער דאָקטאָר.

„און אמאָל דאָס אויך ניט — האָט דער אַלטער פּאַרטנעזעצט — געלעבט אָבער האָט זיך דאַן פיעל גליקליכער ווי איצט. דאָס איז געווען א צייט ווען מען פלעגט מיט א סימפאָני יוצא זיין א מאָהלצייט, און ווינטער פּלעגט מען פאַרזעצען דעם אויבערראָק אום צו געהן אין אָפּערא. דאָס זיינען געווען די ערשטע יאָהרען פון מיין מוזיקאַלישער קאַריערע. און די פיעדעל איז געווען מיין געליעבטע.

„זוכענדיג איינמאָל א קווארטיר האָב איך געזעהן אין א פענסטער א צעטעל אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעשריבען: „צימער צו פערדינגען פאַר א פיעדעל - שפּיעלער".

„איך בין אריין, און בין שנעל מושוה געוואָרען מכח דעם מקח, וועלכער איז געווען זעהר ביליג; פיעל ביליגער ווי איך האָב ערווארטעט. נאַטירליך, ווי איהר קענט זיך שוין אַליין אָנשטויסען, האָב איך געזאָלט געבען אַלס טהייל פון מיין דירה-געלד לעקציאָנען אין פיעדעל שפּיעלען.

„נאָך דעמזעלביגען אבענד האָב איך זיך באַקענט מיט מיין צוקינפטיגען תלמיד. דאָס איז געווען א אינגעל א יאָהר זעקס, הויך געוואַקסען און מאָגער, אז די ביינער האָבען זיך אַזש געטרייסעלט איינער אָן צווייטען, מיט א קליינעם שמאָלען איינגעצויגענעם, בלייך-ווייסען געזיכט,

מיט צוויי דינע ליפּעלעך פעסט צונויפגעקלאַמערט, ווי זיי וואָלטען גאָט ווייס וואָס פאַר א סוד אין זיך איינגעשלאָסען און מיט אויגען.... נו, דערצו דאַרף איך שוין האָבען אונזער פּאָעט. איך קען אייך נאָר זאָגען, אַז דאָס זיינען געווען צוויי שווארצע כשופ'דיגע זונען וואָס האָבען מיך צוגעצויגען און צוגלייך אָנגעפילט מיט שרעק... דאָס זיינען געווען אויגען פאַר וועלכע דער תהום אליין קען זיינע געהיימניסע ניט באַהאַלטען, און פאַר וועלכע דער זיבעטער הימעל מיט דער פמליא של מעלה, מיט די מלאכים און מיט גאָט'ס טהראָן מוזען זיך אַנטפּלעקען... די גאַנצע אונענדליכקייט האָט זיך אין זיי געשפּיעגעלט.

„ער האָט פאַר מיר איבערגעשפּיעלט מענדעלסאָן'ס א ליעד און שוין נאָך די ערשטע פּאָאר מינוטען האָב איך געזעהן פאַר זיך א וואונדער־קינד, א צווייטען פּאַגאַניני, אויב ניט א גרעסערען פון איהם."

דער אַלטער האָט זיך פארהוסט, האָט שטאַרק גענומען זויגען זיין ציגאַר און די ווייס־ בלויליכע רינגען האָבען זיך געפלאָכטען ארום זיינע געקרויזטע גראָע האָאר; דאַן האָט ער ווידער, אזוי ווי מיט אימפּעט גענומען דערצעהלען:

„פון יענעם אבענד אָן האָב איך בלויז געהאַט איין ציעל אין לעבען: צו ערציהען דאָס דאָזיגע וואונדער־קינד, און יעדען טאָג האָב איך אַלץ מעהר אויסגעפונען דעם קליינעם זשעני.

„ער איז געווען די נשמה פון מוזיק, און דאָס איז ניט קיין פראַזע, אַלע זיינע חושים זיינען געווען בלויז אויער... אַלץ וואָס ער האָט געזעהן מיט זיינע גרויסע אויגען, אַלץ וואָס זיין קליין קינדערשע נעזעל האָט אריינגעשמעקט, אַלץ וואָס זיינע קליינע שלאַנקע פינגערלעך האָבען אָנגעטאַפּט, איז תיכף מגולגל געוואָרען אין טענער, אין קלינגענדער מוזיק... אויגען, נאָז, הענד און ליפּען זיינען בלויז געווען שלוחים פון געהער...

„ער איז געווען מיין שטענדיגער קאָמפּאַניאָן. מיר פלעגען שפּאַצירען צוזאַמען דורך די גאַסען פון בערלין, וואו ער פלעגט זיך צו אַלץ נייגיעריג צוקוקען און צו אַלץ נייגיעריג איינהערען. און ווען מיר פלעגען קומען אהיים, פלעגט ער מיט מיר נעהמען ריידען — און ריידען פיעל פלעגט ער בלויז מיט מיר, אין הויז איז ער געוועהנליך געווען שווייגעדיג און קאַרג אין ווערטער — פון די קלאַנגען וועלכע זיין קליין אויער'ל האָט אריינגעטרונקען אויף אונזער שפּאַציר, פון דעם רוישען פון די טראַמווייס, דעם שווערען קלאַפּען פון די וועגען, דעם פייפען פון די ווייטע לאָקאָמאָטיווען, דעם טראַמפּעל פון טריט אויף די טראָטואַרען, און אַלע פאַרשיעדענע קולות און מורמלעריען וואָס פּלאָנטערען זיך צוזאַמען אויף די גאַסען פון א גרויסער שטאָדט, און מישען זיך אויף אין איין מטושטש'ען קנויל פון קולות.

„צוריקקומענדיג פון פארק פלעגט ער פאר מיר ארויס־פעקלען א נייעם אוצר פון קלאנגען, און קיין זאך פלעגט זיך פון זיין אויער ניט באהאלטען. דעם לייכטעסטען שאָרך פון דעם ווינד אין די צווייגען, דעם קוים־קוים בעמערק־בארען פליוסק פון דעם וואסער אויפ׳ן ברעג פון דער סאזעווקע, דאָס קלאפען פון די שוואנען מיט זייערע ווייסע פליגלען, דאָס זשומען פון א ביהן, דעם איינציגען צוויי־טשער פון א שנעל פארבייפליהענדען פויגעל — אלץ האָט ער אין זיך אריינגעזויגען, און ליגענדיג אויף זיין קליינעם בעטעל נעבען מיר — אויף מיין בקשה האָט מען איהם איינגעקווארטירט אין מיין צימער — פלעגט ער מיר אויף זיין קינדערשען סטיל פאנאנדערקלייבען פעדעמעל פאר פעדעמעל דאָס גאנצע פארוויקעלטע געפלעכט פון טענער וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון זיין שפאציר.

„אָבער דאָס מערקווירדיגסטע איז געווען, ווי ער פלעגט הערען מיט׳ן אויג. איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט פון אזא מין פעהיגקייט ביז איך האָב איינמאָל מיט איהם שפאצירט אויסען שטאָדט, און מיר האָבען ביידע געזעהן איינעם פון די שעהנסטע זונען־אונטערגאנגען אין יענער געגענד.

די מערב־פּאָלע פונ׳ם הימעל איז געווען אויסגעדעקט מיט קליינע צוהאַקטע וואָלקענדלעך, און איבער זיי און צווישען זיי, און זיך זוימענדיג ארום זיי, האָבען זיך

צוגאָסען אַלע מינים פאַרבען וועלכע האָבען זיך געענדערט און אַריינגעפאַלען איינע אין די צווייטע פון מינוט צו מינוט... אָט איז עס געוועזען ציטראָן קאָליר, אָט קופּער און אָט פּורפּור־רויט, אַזוי ווי דער פלעק וואָס בלייבט נאָך אַ ווארעמען קוס...

„אָבער ווען ער האָט גענומען אויסגיסען זיין קינדער־שע התפעלות פאַר מיר, איז דאָס שוין גאָר ניט געווען קיין זונען־אונטערגאַנג, קיין וואָלקען און קיין קאָלירען. דאָס זיינען געווען פלייטען־ און פיעדעל־ און טראָמפּייטען־טענער... שאפּין'ס טויטענמאַרש, מיט דער נאַכטיגאַל'ס קאָלאָראַטור, מיט דעם פּאַסטוך'ס פייפעל־טרעלען...

„דען, ווי איך האָב אייך פריהער געזאָגט, ער האָט געהערט מיט אַלע חושים, און איז געווען די נשמה פון מוזיק.

„מאָנאַטען זיינען פאַרגאַנגען און איך האָב איהם געגעבען דאָס בעסטע וואָס איך האָב געהאַט. און דאַן איז געקומען די צייט ווען איך האָב מעהר זיין רבי ניט געקענט זיין.

„ביסלעכוויז האָבען די קליינע קינדערשע פינגער־לעך גענומען נאָכהאַלטען זיינע פאַנטאַזיעס, ביסלעכוויז האָבען די יונגע מוסקעלען אָנגעהויבען געהאָרכען די קאָפּ־ריזען פון זיין זשעני און ער האָט גענומען ווערען דער מייסטער און דער באַוועלטיגער פון זיין פיעדעל.

„דאַן האָבען מיר איהם געבראַכט פאַר דעם וועלט־בעריהמטען מ... וועלכער האָט איהם פאַראורטהיילט אויף צוויי יאָהר שטודיום.

„אין די צוויי יאָהר האָט דאָס אינגעל געאַרבייט פון מאָרגען ביז שפּעט. גערעדט האָט ער מיט מיר ווענִיג, נאָר שפּיעלען פלעגט ער פאַר מיר. איצט האָט ער די זונען־אונטערגאַנגען איבערגעגעבען אויף דער פיעדעל. ער האָט געטראַכט אויף דער פיעדעל, און געלעבט בלויז אין שפּיעלען.

„ענדליך איז געקומען דער טאָג אויף וועלכען מיר האָבען מיט אַזוי פיעל אונגעדולדיגער האָפנונג געוואַרט, דער טאָג ווען ער האָט געזאָלט אויפטרעטען צום ערשטען מאָל אין שטאָדטישען קאָנצערט־זאַאל, וואו די מוזיק־וועלט האָט צום ערשטען מאָל איהם געזאָלט קרוינען אַלס איהר צוקינפטיגען גרויסען טאָן־מייסטער...“

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַ פּאָאר מאָל אַ ציה געטהאָן זיין ציגאַר ביז ער איז אין גאַנצען געווען איינגעשלייערט אין רויך. ווען דער רויך איז צוגאַנגען האָבען מיר געזעהן ווי זיינע פאַר׳חלום׳טע אויגען זיינען געווען פייכט און האָבען מאָדנע געגלאַנצט...

— און דאַן ? — האָט דער אונגעדולדיגער זשורנאַליסט זיך ניט געקענט מעהר איינהאַלטען.

דער אַלטער האָט זיך אַ הויב געטהאָן פון זיין שטוהל און אזוי ווי מיט כעס געענטפערט:

„און דאַן האָבען מענשען צום ערשטען מאָל געזעהן ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ דער גאַנצער שעהנער הימעל אויס־געפלאַסטערט מיט שטערען און זונען, נאָהענט צו דער ערד, און טויערען עפענען זיך, און מלאכים מילך־ווייסע, גאָלד־און־שנעע־געפליגעלטע פלאַטערען זינגענדיג איבער דער וועלט... און דאַן האָבען אַלע דערפיהלט אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען דורך געזאַנג, און איז אַליין ניט מעהר ווי אַ געזאַנג...

„מינוטען לאַנג איז דער טויזענד־קעפּיגער עולם געזעסען שטום. נאָך זיינען די נשמות ניט אין די קערפּערס צוריק געקומען, נאָך האָבען זיך די מענשליכע זעעלען אויף מלאכים־פליגעל געהאַנגען... דאַן האָט אַ דונער אויסגעבראָ־כען, דאָס הויכע געוועלב פון טהעאַטער האָט געציטערט און מענער און פרויען האָבען זיך הייזעריג געשריען: „בראַוואָ!“...

„מיט מיה האָב איך און זיין מוטער — קיין פאָטער האָט ער ניט געהאַט — איהם דורך אַ זייטענטהיר פון טהעאַטער אַרויסגעפיהרט. אַרום אונז האָט אַ ים מיט מענשען געקאָכט. יעדער האָט געוואָלט קושען כאָטש דעם מאַנטעל־זוים פון דעם קליינעם מלאך, אַ קוק טהאָן כאָטש אויף זיין פנים, אויף זיינע וואונדער־פינגער.

„אָבער מיר האָבען איהם געוואָלט האָבען פאַר זיך אַליין און מיר האָבען איהם האסטיג אַרויסגעריסען פון דעם געדרענג אום אויף דער טראַמוויי אַרויפצוגעהן און אהיים צו פאָהרען.“

דער אַלטער איז צוזאַמענגעפאַלען אויף זיין שטוהל. מיט די הענד האָט ער זיין פּנים פאַרשטעלט, און מיר אַלע האָבען זיך פאַרקוקט אויף דעם איצט שוין אין גאַנצען בלייך־געוואָרענעם מערב־הימעל.

דער מוזיק־לעהרער האָט די הענד אַראָפּגענומען פון זיין געזיכט און האָט זיי פאַרלייגט אויף זיין שויס, און זיין קאָפּ האָט זיך טיעף אַראָפּגעבויגען. מיר האָבען ניט מעהר געקענט זעהן גענוי דעם אויסדרוק פון זיין פּנים — דער טונקלער אבענד איז אַרום אונז געלעגען — אבער זיין שטים איז געווען הייזעריגליך ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

„וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט קען מען דערצעהלען אין אַ פּאָאר ווערטער. מיר זיינען געווען צופיעל אין האסט, צופיעל פול מיט איהם, אום צו זעהן ווי אַ קאַר איז אָנגע־קומען אונז פון הינטען, און אין דעם נעכסטען מאָמענט, איז אונזער גאַנצע לעבענס־פרייד אויף אייביג פאַרשוואונ־דען... פון אונטער די רעדער האָט מען איהם אַרויסגענומען אַ פּעאַרבלוטיגטען, אַ פאַרקריפּעלטען...

„און נאָך אין דערזעלבער נאַכט, איידער די בלומען

וועלכע מען האָט איהם צו די פיס געוואָרפען, האָבּ׳ן וועלקען אָנגעהויבען, האָט מען דעם יונגען פיעדעל־קעניג ביידע הענד אָרונטערגענומען...״

— און אַ גרויסע קינסטלער־זעעלע איז פאַרלאָשען געוואָרען — האָט דער פאַרליעבטער יונגער מאַן צוגעלעגט.

„ניין — האָט דער אַלטער געשריען — „ניט פאַרלאָשען איז זי געוואָרען, נאָר פאַרלאָרען געוואָרען בלויז פאַר דער וועלט. עס איז קיין ילוד אשה ניט מעהר באַשערט געווען צו הערען זיינע טענער. די קליינע עפענונג דורך וועלכע עס פלעגען זיך אַרויסגיסען די וועלען פון זיין גרויסען מעלאָדישען אוקינוס, איז אויף אייביג צוגעמאַכט געוואָרען. אָבער אינעווייניג... דאָרטען האָט עס געקוואָלען שטאַרקער און שטאַרקער.... וואָס אַ טאָג שעהנער און מעלאָדישער.

„גאַנצע טעג פלעגט ער זיצען ביי׳ן פענסטער — עס איז געווען אויף אַ הויכען גיבעל־שטיבעל — און געקענט האָט מען זעהן פון דאָרט די רוישיגע גאַסען פון דער שטאָדט און הינטער דער שטאָדט די פעלדער, און הינטער די פעלדער דעם טייך.

„און יעדעס מאָל וואָס איך פלעג צו איהם קומען, פלעגט ער מיר דערצעהלען וואָס ער האָט געשפּיעלט...

„און קוקענדיג אין זיינע גרויסע ערנסטע אויגען

האָב איך געוואוסט אַז וואָס ער זאָגט איז אמת... אַז ער האָט טאַקע געשפּיעלט, אָהן הענד געשפּיעלט...

„און תמיד האָט ער מיר געהאַט אַ נייעס צו דערצעה־לען, אַ נייע טעכנישע שוועריגקייט וואָס ער איז בייגעקו־מען, נייע טאָן־עפעקטען, שאַטירונגען פון קלאַנגען און קוים־באַמערקבאַרע הויכען, וועלכע איהם איז געלונגען פון דער פיעדעל אַרויסצוגעווינען... און גערעדט האָט ער מיט אַזוי פיעל ענטציקטער איבערצייגונג, און געקוקט האָט ער אויף מיך מיט אַזעלכע שוואַרצע פייערדיגע אויגען, אַז איך האָב געוואוסט אַז עס איז אַזוי.

„און שפּעטער האָט איהם שוין ניט מעהר זיין איינ־געשטודירטער רעפּערטואַר באַגנוגענט. זיין מייסטערשאַפט איבער דער פיעדעל, זיין פאָלקאָמענע ממשלה איבער סמיק און סטרונעס, האָבען איהם געטריבען זיינע אייגענע ביל־דער צו מאָלען, זיינע אייגענע זעהונגען אין קלאַנגען צו קליידען...

„און טהעמאַס זיינען דאָס געווען, און בילדער זיינען דאָס געווען, וואָס קיינער האָט קיינמאָל אין טענער ניט אויסגעדריקט. אָבער ער האָט זיי אַלע געשפּיעלט... גע־שפּיעלט ווי דער גאָט פון געזאַנג.

„דערצעהלען פלעגט ער זיי מיר, און איך האָב גע־וואוסט אַז וואָס ער דערצעהלט איז אמת...

„אָבער די נשמה איז געווען צו גרויס פאַר זיין קליי־

נעם פאַרקריפּעלטען קערפּער'ל. טאָג טעגליך זיינען די קליינע בעקעלעך געוואָרען דינער, איינגעצויגענער, דורכ־זיכטיגער, און די אויגען גרעסער, שווארצער, גלאַנציגער ביז ער איז ניט מעהר פון זיין בעטעל אַרונטער. און דאָס בעטעל האָט מען געמוזט צושטעלען נעבען פענסטער, און געשפּיעלט האָט ער וואָס אַ טאָג שענער, בעגייסטערטער...

„און איין פריהמאָרגען האָבען מיר איהם זיינע שענע גרויסע אויגען צוגעמאַכט...

„און אויפגעהערט צו שפּיעלען האָט דער גרעסטער ווירטואָז וועלכען די וועלט האָט ווען־עס־איז פאַרמאָגט..."

דער אַלטער איז אַנטשוויגען געוואָרען. ארום אונז איז געלעגען די שווארצע נאַכט און דער הימעל איז געווען באַשפּריצט מיט שטערען. אַ קאַלט ווינדטעל האָט גע־שושקעט אין די ביימער, אַזוי ווי פאָרטזעצענדיג דעם מוזיק־לעהרער'ס ספור.

1909